# קהלתינו המעטירה

גליון ב' • עש"ק פ' שמות י"ח טבת תשע"ב

נייעס און אנטוויקלונגען
אינערהאלב קהלתינו הקדושה

# גרויס שפאַנונג לקראת גרויסן דינער לטובת "קרן הבנין" א' בא הבעל"ט

**וועט בעז"ה פאָרקומען בהשתתפות תושבי עירנו שיחי' אין זאַל פון "בית רחל"; וועלט באַרימטער פה מפיק מרגליות הגה"צ רבי שמעון זאב מייזליש שליט"א וועט אויפטרעטן מיטן דבר 'נואם הכבוד'; רייכע פראָגראַם וועט האַלטן געשפאַנט דעם גאַנצן ציבור משתתפים במשך דעם גאַנצן אָווענט**

## שבת התעלות והתרוממות ערוואַרטעט פאַר אנ"ש קומענדיגן שבת פ' וארא

**בראשות פונעם אורח הדגול חדב"נ הגה"צ רבי שמעון זאב מייזליש שליט"א וועלכער וועט אויפטרעטן און משמיע זיין מדבריו הנעימים ביי פארשידענע מאורעות און געלעגנהייטן**

## אומבאַשרייבליך געהויבענע שב"ק כ"א כסלו און "סעודת הודאה" געפראַוועט בקרב קהלתינו הק'

**ליינט אויספירליכע באַריכטן אינערהאלב פונעם גליון**



## קהלתינו הק' שרייבט אונטער בשעה טובה קאָנטראַקט מיט "בוי-פירמע"

ליינט זייט 3

## חסדי ה' כי לא תמנו כי לא כלו רחמיו

# "כ"א כסלו" געפּראַוועט מיט גרויס התרוממות הנפש

**הערליכע פּראָגראַם במשך דעם גאנצן מעמד מרומם וואַרעם באַגריסט דורכן גאַנצן ציבור וועלכע האָבן איבערגעפּיהלט דעם זאַל בליעה"ר - היסטאָרישע זכרונות פון הרה"ח הישיש ר' יוסף מילגראַם הי"ו וואָס איז געווען מיטן רבי'ן אין שווייץ צוגעהערט דורכן ציבור מיט גרויס אינטערעסע - צענטראַלע פייערדיגע דרשה פונעם "נועם הכבוד" הגה"צ אב"ד ור"מ דק"ק סאַטמאַר לאנדאן שליט"א איבער חיזוק ללימוד התורה, צניעות ביי נשים, התבדלות מרשעים, נישט אָפּטרעטן מתוה"ק קיין זיז כל שהיא, און נאָך וויכטיגע יסודות הדת נאָך אַלץ געשפּרעך פון טאָג ביי סאַטמאַרע חסידים אין שטאָט - ריקודין עילאין נאָכן מעמד אַרום האַלב צוויי ביינאַכט איבערצייגט נאָכאַמאָל די נצחיות פונעם רבי'ס נס ההצלה מיד ולדורות**

אויף אַ אומבאַשרייבליך געהויבענעם פאַרנעם האָבן שלומי אמוני ישראל תלמידי וחסידי סאַטמאַר תושבי עירנו יצ"ו, זוכה געווען צו פראַוועט היי יאָר דעם "סעודת הודאה" לרגל די יום הצלה והשחרור פון מרן רבינו הק' בעל דברי יואל מסאַטמאַר זי"ע, וועלכער איז מיט 67 יאָר צוריק ניצל געוואָרן בהשגחה עליונה פון אונטער די נעגל פון די רשעים הארורים ימ"ש, וועלכע האָבן זיך פאַרמאָסטן אַז 'ולא יזכר שם ישראל עוד'.

אַזוי ווי די פאַרגאַנגענע יאָר שנת תשע"א ווען כ"א כסלו איז אויסגעפאַלן אום מוצש"ק, און די צענטראַלע "סעודת הודאה" דורך קהלתינו הק' איז דאַן געפּראַוועט געוואָרן ברוב פאר והדר מוצש"ק אין די "תפארת מלכה" זאַל, איז היי יאָר אויך באַשטימט געוואָרן אַז די צענטראַלע סעודת הודאה וועט פאָרקומען אום מוצאי שב"ק בראשות פונעם אורח הדגול מרבבה הגה"צ לאָנדאָן-סאַטמאַרער רב שליט"א, וועלכער וועט אויך אויפטרעטן מיט די צענטראַלע דרשה ביים שיינעם מעמד.

צוליב וואָס די "שמחה זאַל" בבנין ביהמ"ד הגדול איז גרעסער אין פלאַץ ווי די היכל הביהמ"ד, איז באַשטימט געוואָרן אַז כדי צו קענען אָקאָמאַדירן דעם גאַנצן ציבור בליעה"ר וועט די "סעודת הודאה" פאָרקומען אינעם שמחה זאַל.

די זאַל איז הערליך באַצירט געוואָרן כדי עס זאָל זיין ראוי געפּראַוועט צו ווערן דערין דעם שיינעם מעמד, און עס איז צוגעלייגט געוואָרן ספּעציעלע לעקטער'ס אויף די דאַך כדי נאָך מער צו באַלייכטן דעם זאַל כראוי וכיאות. און אַזוי אויך איז צוגעלייגט געוואָרן ספּעציעלע הייצונג צו אָנוואַרעמען דעם זאַל בשעת דעם כינוס המרומם.

דאָ איז די פּאַסיגע אָרט צו באַדאַנקען אַלע עסקנים החשובים שיחי' כל אחד ואחד בשמו הטוב יבורך וועלכע האָבן בלב וברוח נדיבה אַרויסגעהאָלפן פאַר די הצלחה פונעם מעמד המרומם. ישלם ה' פעלם הטוב ותהי משכורתם שלימה מעם ה'.

### כולם נקבצו ובאו לך

אין די באַשטימטע שעה האָט זיך אָנגעהויבן די מאַסן שטראָם און פלייץ פונעם ציבור וועלכע זענען געקומען כאיש אחד בלב אחד מיטצוהאַלטן דעם מעמד אדיר ומרומם. די געטרייע עסקנים און גבאי הביהמ"ד האָבן יעדן געזעצט על מקומו הראוי איש על מחנהו ואיש על דגלו.

עס איז געווען אַ נחת דקדושה צו זעהן מיט די אויגן די הערליך איבערגעפיהלטע זאַל פונעם ציבור חסידים ואנשי מעשה, זקני הקהלה, בעלי בתים חשובים, אברכים יקרים, און בחורי חמד וועלכע זענען געקומען מיטהאַלטן דעם געהויבענעם מעמד און כינוס לשם שמים.

(פאַרזעצונג אויף זייט 6)

# שיינע "מלוה דמלכה" פאר ילדי "חברת תהלים" וועט פארקומען קומענדיגן מוצש"ק

מיט גרויס פרייד גרייטן זיך די פיהלע צענדליגע תינוקות של בית רבן בליעה"ר וועלכע זענען זיך משתתף אינעם "חברת תהלים תהלות יואל" דקהלתינו הק', צום גרויסארטיגן "מסיבת מלוה דמלכה" וואס וועט אי"ה פארקומען דעם קומענדיגן מוצאי שב"ק פ' וארא בהיכל בית מדרשינו.

די געדאנק פון מאכן א מסיבה פאר די ילדי צאן קדשים וועלכע באטייליגן זיך אינעם חברת תהלים, איז שוין איינגעפיהרט געווארן במשך די יארן אינערהאלב די סאטמארע קהלות איבער די וועלט, און אצינד קומט די פריידיגע בשורה אז אויך אינערהאלב קהלתינו הק' וועט היי-יאר פארקומען דאס ערשטע מאל אזא מלוה דמלכה.

ביים מסיבת מלוה דמלכה וועט צווישן אנדערן אויך אויפטרעטן פאר די ילדי תשב"ר דער חשוב'ער גאסט הגה"צ רבי שמעון זאב מייזליש שליט"א חדב"נ ורב דביהמ"ד ישמח משה בקרית יואל, וועלכער וועט אויף דעם קומענדיגן שב"ק ווייל[ן] דאהי אין שטאט.

אין די טעג ווערט צוגעגרייט די פונקטליכע דעטאלן פונעם שיינעם "מסיבת מלוה דמלכה" פאר די ילדי תשב"ר, וואס וועט בעז"ה זיין א שיינע מעמד צום געדענקען.

ובשירי דוד עבדך נהללך.

# קהלתינו הק' שרייבט אונטער קאָנטראַקט מיט בוי-פירמע

## פאַקטישע בוי-אַרבייט געפּלאַנט אויף די גאָר נאָנטע וואָכן בעז"ה רופט אַרויס גרויס פרייד ביים היימישן ציבור

מיט א פרייליכע געמיהט האבן אנשי שלומינו אויפגענומען די בשורה טובה ומרנינה אז דעם פארגאנגענעם דאנערשטאג פ' מקץ, אינמיטן די ימי האורה פונעם יו"ט חנוכה, האט הנהלת קהלתינו הק' ב"ה אונטערגעשריבן אין א גוטע שעה אויפן קאנטראקט מיט א בוי קאמפאני, בנוגע צו בויען און אהערשטעלן די פראיעקטן אין די גרויסע בנינים דקהלתינו הק' אין צענטער פון שטאט אויף די שארלאטעליי גאס.

די בוי קאמפאני האט זיך אונטערגענומען אהערצושטעלן אין א תקופה פון בערך אכט חדשים די רויע-געבוי פונעם היכל ביהמ"ד הגדול (וואס וועט צוגעבויעט ווערן אלס עקסטענשאן צום עקזיסטירנדן בנין), די "היכל התורה" (וואס וועט געבויעט ווערן אונטער דעם), און די גרויסע "מקוה" (וואס וועט געבויעט ווערן ביים קעלער אונטערן בנין, שארלאטעליי 24).

אין די נאנטע טעג וועט די קאמפאני אנהייבן מיט אלע זייערע טעכנישע איינריכטונגען, ווען די האפענונג איז אז ביז עטליכע וואכן וועלן זיי בעז"ה אנהייבן מיט די ענדגילטיגע בוי ארבייט.

*

באמת זענען שוין אין די לעצטערע חדשים אנגעגאנגען העפטיגע אקטיוויטעטן און בוי ארבייט ביי די בניני קהלתינו הק'.

אנגעהויבן פונעם פארגאנגענעם חודש אב איז אונטערגענומען געווארן די פראיעקט גענצליך איבערצומאכן די גרויסע דעכער אויף די בנינים, וואס טייל פון זיי זענען במשך די יארן געווארן איינגעפאלן, ווי אויך צוליב וואס די מי גשמים פאר די מקוה וועט בעז"ה קומען פון די פאדערשטע דאך אויפן בנין.

אזוי אויך איז אין די זעלבע צייט הערליך איבערגעפרישט געווארן די בנינים פונדרויסן, וועלכע שטייען איצט מיט זייער פולסטן פראכט אין צענטער פון שטאט.

# זכרון להולכים

## קורצע שטריכן איבער
## הרה"ח ר' אשר אנשיל שעהר ז"ל
### מזקני ופארי קהלתינו הק'

**דעם** דינסטאג פ' שמות, איז אויסגעפאלן די "יום השלושים" צו די פטירה פון הרב החסיד מוה"ר אשר אנשיל שעהר ז"ל מחשובי זקני אנשי שלומינו ומתפללי בית מדרשינו, וועלכער איז נפטר געווארן לחיי עוה"ב פארגאנגענעם מאנטאג פ' וישב.

**עס** איז באמת א ווייטאג, און מען ברויך מיט רעכט צו שפירן דעם חלל, דער דור הולך ודור בא, וואס אמאל א יאר שפעטער, די יארן רוקן זיך, מען פארלירט נאך א איד פון דער אלטער היים, וואס דאס שאפט אן אויסטערלישער חלל ופסידא דלא הדר, און זיין פטירה איז א אבידה פאר די שטאט אנטווערפן בכלל, און פאר תלמידי וחסידי סאטמאר בכלל, וואס האבן פארלוירן אזא איד וואס יעדער האט אזוי שטארק מעריך געווען, וחבל על דאבדין ולא משתכחין.

**ר'** אשר אנשיל ז"ל איז געבוירן געווארן בשנת תרצ"ב אין מישקאלץ, צו זיין פאטער הרה"ח המפואר ר' שלום יצחק שעהר ז"ל שו"ב מישקאלץ, וועלכער איז געווען א טייערער איד, א תלמיד חכם וירא שמים מרבים, דבוק בכל לב ונפש צו מרן רביה"ק בעל דברי יואל מסאטמאר זי"ע.

**זיין** פאטער ר' שלום יצחק ז"ל איז פריצייטיג נפטר געווארן בשנת תש"ט, און זייענדיג נאך אין יונגען עלטער פון זעכצן יאר איז ער שוין געווארן א יתום מאב. ר' אשר אנשיל ז"ל האט זיך אבער מחזק געווען, און מיט די אייגענע כוחות איז ער ווייטער געשטיגן בתורה וביראת שמים אויף א גאר שיינעם פארנעם.

**אלס** בחור איז ר' אשר אנשיל ז"ל געווען א תלמיד פון הגה"צ רבי חיים יצחק וויינגארטן זצ"ל אבד"ק ליעזש (בעלגיע) וועלכער האט דאן אנגעפירט מיט א שיינע ישיבה אין סטעינס, ענגלאנד. דערנאך האט ער געלערנט אין די ישיבה "מתיבתא" אין לאנדאן און איז דארט געשטיגן דרגות רמות בתורה וביראת שמים. בשנת תשט"ז האט ר' אשר אנשיל ז"ל חתונה געהאט מיט תבלחט"א זיין חשובע פרוי תחי', דאס עלטסטע קינד פון הרה"ח המפורסם ר' יחזקאל מנחם שטויבער ז"ל שו"ב.

**פאר** די חתונה ווען הרה"ח ר' יחזקאל שטויבער ז"ל איז געפארן צוזאמען מיט זיין טאכטער מרת שעהר תחי' קיין פאריז, איינצוקויפן די צרכי החתונה. זענען זיי דעמאלטס אריין צו הרה"ק רבי איציקל מפשעווארסק זי"ע מקבל צו זיין ברכת קדשו פאר די חתונה. רבי איציקל זי"ע ווייסנדיג אז די כלה וועט זיך אנטוהן בצניעות, האט ער זיי געזאגט אז לכבוד דעם וועט ער קומען צו פארן צו די חתונה.

**אזוי** אויך איז ר' אנשיל ז"ל שוין דאן געווען שטארקט נאנט צו רבי איציקל זי"ע, און ווען ער האט אלס בחור זיך געהאט מסתופף געווען בצלו, האט רבי איציק'ל איהם אמאל געזאגט, אז פרייטאג צונאכט'ס ווען ער זינגט ביים זמר 'מה ידידות' די ווערטער "ולשדך הבנות" האט ער איהם אינזינען. לכבודם פון חתן וכלה איז רבי איציק'ל זי"ע טאקע געקומען צו פארן אויף די חתונה.

**די** חתונה איז דאן געווען פון די ערשטע חסיד'ישע חתונות אין שטאט, און די סאמע ערשטע חתונה אין אנטווערפען ווי דער חתן האט זיך אנגעטוהן א שטריימל צו די חתונה.

**שפעטער** ווען רבי איציק'ל זי"ע האט זיך אהערגעצויגן האט ר' אנשיל אנגעהאלטן א קשר מיט איהם, און דערנאך מיט חתנו הרה"ק רבי יענקעל'ע זי"ע, און לאחר פטירתו מיט יבלחט"א בנו כ"ק אדמו"ר מפשעווארסק שליט"א.

**ר'** אשר אנשיל ז"ל איז געווען שטארק דבוק צו מרן רביה"ק בעל דברי יואל מסאטמאר זי"ע, און ער פלעגט מזמן לזמן קומען זיך מסתופף זיין בצל קדשו פון רבי'ן זי"ע קיין ניו יארק. יעדעס ווארט פון רבי'ן איז ביי אים געווען קודש קדשים, און ער האט זיך געהאלטן פעלזן-פעסט צו שיטתו הבהירה פון רבי'ן זי"ע.

**טראץ** דעם וואס ער האט געוואוינט אין אזא ציוניסטישע שטאט ווי אנטווערפן - ספעציעל נאך בימים ההם - האט דאס אים נישט אפגעהאלטן פון מפרסם זיין די הייליגע שיטה. ווען דאס יהדות החרדית הצרופה איז געווען פארוויקלט אין די שווערע מערכה פון "גבעה הצרפתית" וואס די ציונים ימ"ש האבן געוואלט אויסרייסן די קברי ישראל, האט ר' אשר אנשיל ז"ל זיך באטייליגט ביים גרויסן פראטעסט וואס איז דאן אפגעהאלטן געווארן אין די שטאט. זיין צורה איז אויפגעכאפט געווארן דורך די טעלעוויזיע, און צומארגנס ווען ר' אשר אנשיל ז"ל איז געקומען צו די ארבעט אינעם דיימאנט-בערזע, האבן די ציוניסטיש-געשטימטע אידן אפגעשפעט און חוזק געמאכט פון אים. אבער ר' אשר אנשיל האט זיך נישט געשראקן פאר גארנישט, און עס איז אים געווען די גרעסטע כבוד און זכי' אז ער האט די זכי' לוחם צו זיין פארן אמת.

**נאכן** הסתלקות פונעם רבי'ן דער דברי יואל זי"ע איז ער ווייטער געבליבן מקושר צו ממשיך דרכו מרן רביה"ק בעל ברך משה זי"ע, ווען נאר דער רבי ז"ל האט געוויילט דאהי' צו אין אנדערע מקומות אין אייראפע, האט ער אויסגענוצט די געלעגנהייט זיך מסתופף צו זיין. כמים הפנים לפנים האט אים דער

(פארזעצונג אויף זייט 9)

# שיינע "מסיבת מלוה דמלכה" פארגעקומען פאַרגאַנגענעם מוצש"ק

א גאר שיינע "מסיבת מלוה דמלכה" איז פארגעקומען פארגאנגענעם מוצאי שב"ק פ' ויחי בהיכל בית מדרשינו.

די מסיבת מלוה דמלכה האט געדינט אלס הכנה צום גרויסן דינער לטובת די "קרן הבנין" פון די בניני קהלתינו הק' וואס וועט פארקומען בעז"ה ברוב פאר והדר קומענדיגן זונטאג פ' בא אין די זאלן פון "בית רחל" בהשתתפות תושבי עירנו החשובים שיחי'.

אויך האט די מלוה דמלכה געדינט פארן ציהל אנצושליסן דעם גאנצן ציבור שיחי' צו נעמען א טייל און זיך אנשליסן אינעם חודש'ליכן "מארגעדזש קאמפיין", אין וועלכן גאר א שיינער ציבור האבן זיך שוין אנגעשלאסן אינעם פארגאנגענהייט, אראפנעמענדיג אביסל דעם לאסט פון די חברי הנהלת הקהלה וועלכע ארבייטן אוממידליך צו פארשאפן די נויטיגע געלט פאנדן להרחבת גבולי הקדושה.

ביי די "מלוה דמלכה" איז אויסגעטיילט געווארן פארן גאנצן פארזאמלטן ציבור א גאר רייכער קונטרס, אין וועלכן עס איז געווען געשילדערט אין א כראנאלאגישן סדר די שווערע הארעוואניע און כוחות וואס די הנהלת הקהלה האט אריינגעלייגט זינט'ן אפקויף פון די בנינים, ביז איצטיגן טאג ווען מען האט שוין ב"ה אונטערגעשריבן דעם קאנטראקט מיט די בוי קאמפאני, און מען גרייט זיך אין די נאנטע וואכן אנצוהייבן מיט די ענדגילטיגע בוי ארבייט.

מיט א גאר שיינע דרשה האט אויפגעטראטן הר"ר יעקב שרייבער שליט"א מגי"ש בקהלתינו הק', וועלכער האט מיט זיין רייכע לשון לימודים גאר טרעפליך ארומגערעדט איבערן חשיבות פונעם יעצטיגן צוזאמענקומפט, און האט ארויסגעברענגט מפי ספרים וסופרים די געוואלדיגע חשיבות פון אויפשטעלן א בית מקדש מעט מיט א מקוה. און האט אפעלירט צום ציבור זיך אנצושטרענגען און ארויסצוהעלפן די הנהלת הקהלה מיט שיינע סכומים.

דערנאך האט גערעדט הרה"ח ר' שמחה גליקמאן הי"ו מראשי הקהלה, וועלכער האט זיך באדאנקט פאר חשוב'ן ציבור וועלכע האבן שוין גענומען א טייל אינעם "מארגעדזש קאמפיין" און צאלן אויס יעדן חודש זייער התחייבות, וואס פרוטה ופרוטה מצטרפת לחשבון גדול, און פון די אלע סכומים האט זיך שוין צוזאמגעזאמלט א גאר גרויסער סכום.

דערנאך האט ער אפעלירט צו יעדן יחיד ויחיד זיך אויך אנצושליסן אינעם קאמפיין. און דערנאך געשילדערט פארן עולם אביסל פון די השתלשלות הענינים פונעם עבר, און די גרויסע פלענער אויף להבא נאכדעם וואס מען האט שוין ב"ה זוכה געווען צו חתמ'ענען אויפן קאנטראקט מיט א בוי-קאמפאני.

מיט "ברכת המזון" איז נתכבד געווארן דער מגיד מישרים הר"ר יעקב שרייבער שליט"א.





**ביים "מסיבת מלוה דמלכה" פארגאנגענעם מוצאי שב"ק פ' ויחי בהיכל בית מדרשינו**

רעכטס: הר"ר יעקב שרייבער שליט"א מגי"ש בקהלתינו הק' ביי זיין דרשה

לינקס: הרה"ח ר' שמחה גליקמאן הי"ו מראשי קהלתינו הק' ביים איבערגעבן די אנטוויקלונגען

# חסדי ה' כי לא תמנו כי לא כלו רחמיו

## געהויבענע "כ"א כסלו"

(פארזעצונג פון זייט 2)

אַ ברייטע סעודת מלוה דמלכה כיד המלך איז סערווירט געוואָרן לכבוד המעמד אויף אַ גרויסן פאַרנעם, צו די צופרידנהייט פונעם גאַנצן ציבור. די סעודה איז נתנדב געווארן בנדבת לבו הטוב פון ידידינו ראש וראשון לכל דבר שבקדושה הרה"ח ר' פנחס ברוך בערנשטיין הי"ו.

### יו"ר המעמד

דער פותח ראשון און יו"ר המעמד איז געווען מוה"ר מנחם אלי' גראָס הי"ו גבאי נאמן דביהמ"ד וועלכער האָט באַגריסט דעם גאַנצן ציבור וועלכע זענען זיך צוזאַמגעקומען צו פייערן דעם יום הצלה והשחרור פון מרן רבינו הק' והטהור זי"ע.

עקסטער האָט ער באַגריסט דעם חשוב'ן גאַסט הגה"צ אב"ד ור"מ סאַטמאַר לאָנדאָן שליט"א וועם דער ציבור האָט געהאַט די זכי' צו האָבן אויף שבת אין שטאָט, ווי עס איז ב"ה געפראַוועט געוואָרן אַ גאָר געהויבענעם שב"ק (זעהט עקסטערן באריכט). אַזוי אויך האָט ער מקבל פנים געווען בברכה הרבני הנגיד הרה"ח ר' משה ארי' פריינד הי"ו גבאי ביהמ"ד הגדול ומראשי קהל יטב לב ד'סאַטמאַר לאָנדאָן יצ"ו, וועלכער שטייט צוהילף פאר די הנהלת הקהלה בכל עת ובכל זמן, וועלכער האָט געוויילט אויף שב"ק און אויפן מעמד סעודת הודאה אין שטאָט.

שטייענדיג ביים מעמד וועלכע איז אויך געווען געווידמעט אַלס סיום מס' פסחים, האָט דער יו"ר הי"ו אַרויסגעברענגט אייניגע פאַסיגע געדאַנקען פון די מסכתא, און אַרויסגעברענגט אַז אי לאו האי יומא דקא גרים וואָס רביה"ק זי"ע איז ניצל געוואָרן איז אַ גרויסע שאלה צו מיר וואָלטן ווען געפראַוועט סיומי מסכתות און ממשיך געווען מיט די תורה הק' ע"ד המקובל לנו מדור דור, און דערפאַר איז גאָר פאַסיג שטייענדיג ביי אַזאַ געלעגנהייט דערביי צו פראַווען אַ סיום מס'.

דערנאָך האָט דער יו"ר אַרויפגערופן איינע פון די מגידי שיעור בחבורות "יסודי התורה" הרה"ג ר' אברהם שמעון קטינא שליט"א ר"מ בישיבת וויזניץ, ער זאָל אַרויפקומען און פאַרענדיגן די מסכת פסחים און זאָגן דעם 'הדרן'.

### זכור ימות עולם

אַ רירנדע געפיהל האָט געהערשט ביים ציבור ווען דער יושב ראש הי"ו האָט באַגריסט דעם חשוב'ן אורח הרבני הישיש ר' יוסף מילגראַם הי"ו וועלכער האָט געהאַט די זכי' מיטצולעבן געהויבענע זמנים מיט מרן רביה"ק זי"ע תיכף נאָכן באַפרייאונג אין די שוויץ.

ר' יוסף הי"ו האָט דערציילט גאָר שפּאַנענדע זכרונות פון יענע צייט, ווען ער איז געווען אַ בחור אין די ישיבה אין מאָנטרעי, און די בחורים פלעגן אויסנוצן די געלעגנהייט זיך מסתופף צו זיין און צו ווײלן בצל קדשו פון רבי'ן ז"ל.

דער פאַרזאמלטער ציבור בליעה"ר האָט מיט אַ שטילקייט פון התרגשות געשלינגען מיט דורשט און קענטיגע נייגער די ווערטער פון הרבני ר' יוסף הי"ו, הערנדיג ערשט האַנטיגע פאַסירונגען און ווערטלעך וואָס דער רבי זי"ע האָט געזאָגט ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן.

### פרקי שירה

עס זענען געזינגען געוואָרן די זמירות מלוה מלכה דורך די קאַפּעליע פון אברכי הקהלה: מוה"ר שמואל אלטר באַנעט הי"ו, מוה"ר יואל לאַנדאַ הי"ו, מוה"ר אברהם יו"ט ראָזענבערג הי"ו, און מוה"ר יואל גאָטטעסמאַן הי"ו, באגלייט מיט מוזיק געשפיהלט דורכן טאַלאַנטפולן שפילער מוה"ר יואל ראָזענבערג הי"ו.

בין הפרקים האָבן די הערליכע קאַפּעליע מאברכים החשובים גאָר שיין מהנה געווען דעם ציבור, און אַזוי אויך האָט דער בעל מנגן נפלא מוה"ר יודא הערש שוואַרץ הי"ו אייניגע מאָל מהנה געווען דעם ציבור מיט הערליכע פרקי חזנות, פון וואָס דער ציבור האָט שטאַרק נהנה געווען.

אַזוי אויך איז פאָרגעזינגען געוואָרן הערליכע חרוזים און גראַמען לכבוד היום דורך הילד היקר נ"י זוהן פון מוה"ר יודא הערש שוואַרץ הי"ו, מיטן צוהילף פון די קאַפּעליע בעלי מנגנים, אין וועלכן עס איז געשילדערט געוואָרן אין קורצן מעשי תקפו וגבורתו פון מרן רבינו הק' זי"ע דער בעל הנס פונעם יום ההצלה כ"א כסלו שנת תש"ה ביז צו זיין הסתלקות בסערה השמימה, ווען דער ציבור הערט זיך צו דערביי מיט גרויס רגש, און די עלטערע בעלי בתים ווישן זיך די טרערן פון די אויגן דערמאַנענדיג זיך די לעצטיגע צייטן בהלו נרו עלי ראשינו.

### דברים חוצבים להבות אש

אַ שטילקייט האָט געהערשט איבערן זאַל ווען דער "נואם הכבוד" הגאון הצדיק סאַטמאַר לאָנדאָנער רב שליט"א האָט אָנגעהויבן זיין דרשה, וואָס דאָס איז געווען די הויכפּונקט פונעם מעמד. טראָץ שוין שטייענדיג אין די שפעטע נאַכט שעה'ן האָט דער

(פאַרזעצונג אויפן קומענדיגן זייט)

# חסדי ה' כי לא תמנו כי לא כלו רחמיו

ציבור מיט כבוד התורה און פּאַסיגע יראת הכבוד אויסגעוואַרט אויף די דרשה פונעם חשוב'ן רב שליט"א.

דער רב שליט"א האָט קודם אַרומגערעדט בדברי תורה איבערן גרויסקייט פונעם טאָג, און דערנאָך אַרומגערעדט דברים חוצבים מלהבות אש איבער וויכטיגע יסודות הדת במשנתו פון מרן רביה"ק דער בעל הנס זי"ע וואָס מיני' לא נזיע.

(דער טעקסט פון די פלאַמפייערדיגע דרשה געפונט זיך אויף אַן אַנדער אָרט אין די איצטיגע אויסגאַבע).

### חסדי ה' כי לא תמנו

נאָכן דרשה פונעם רב שליט"א איז מכובד געוואָרן מיט ברכת המזון הרבני הנגיד החסיד מוה"ר משה ארי' פריינד הי"ו גבאי ביהמ"ד הגדול ומראשי קהל יטב לב ד'סאַטמאַר לאָנדאָן יצ"ו, אַלס הכרת הטוב פאַר זיינע פיהלע לייסטונגען לטובת הקהלה.

תיכף דערנאָך האָט מען זיך אַרויסגעלאָזט אין פייערדיגע ריקודין עילאין אויף "חסדי ה'" "בך בטחו" און נאָך ניגוני הודאה, לויבנדיג און דאַנקענדיג השי"ת פאַר די גרויסע חסדים וואָס ער האָט געטוהן מיט כלל ישראל בהצלת רועה נאמן לבית ישראל.

עקסטער איז געוואָרן אַ שבח והודאה צו השי"ת אויף די התחדשות פון די קהלה צו וואָס מען האָט ב"ה זוכה געווען, און די געוואַלדיגע סייעתא דשמיא וואָס מען זעהט אויף יעדן פרט ופרט ברוחניות ובגשמיות.

טראָץ וואָס עס איז שוין געווען קרוב צו האַלב צוויי ביינאַכט, האָט דער ציבור זיך נישט געקענט שיידן פונעם געהויבענעם מעמד, און עס איז געווען אַ מחזה הוד צו זעהן ווי די פייערדיגע ריקודין האָבן זיך פאַרצויגן אויף אַ לענגערע צייט.

עס איז געווען ערהאַבן צו זעהן די אויפגעהייטערטע געמיטער פונעם ציבור, ווי מען שטראָמט אַרויס פון די גאָר שיינע מסיבה מיט אָנגעפיהלטע באַגאַזשן חיזוק און סיפוק וואָס מען האָט זוכה געווען זיך אָנצושעפּן אין אַזאַ הייליגע נאַכט.

וירוממוהו בקהל עם.

# וואַרעמע דרשות חיזוק געהערט פון הגה"צ אבד"ק ור"מ סאַטמאַר לאָנדאָן שליט"א

במשך די געציילטע טעג וואס הגה"צ דער לאנדאן סאטמארער רב שליט"א האט געוויילט אין שטאט, האבן אנשי שלומינו תושבי העיר געהאט די געלעגנהייט זיך מתבשם צו זיין מאור תורתו פונעם חשוב'ן רב שליט"א, און מקבל זיין לקח מפיו.

פרייטאג ערב שב"ק נאך תפלת שחרית האט דער רב שליט"א משמיע געווען א גאר שיינע "דרשת חיזוק" אינעם היכל "עזרת נשים" דבית מדרשינו, פאר פיהלע צענדליגע בחורי חמד דקהלתינו הק', ווי אויך פאר די בחורים פונעם "חבורת ויואל משה" די סאטמארע חבורה בישיבת "עץ חיים" ווילרייק.

דער רב שליט"א האט ארומגערעדט פארשידענע דברי חיזוק פאר די בחורי חמד, וואס די תוכן דערפון איז געווען אז מען דארף צוגיין צו יעדן ענין מיט א שטארקן ישוב הדעת, און שוקל זיין צו מען זאל דאס יא אדער נישט טוהן, וואס דאס איז דער פארזיכערטער וועג פארן מענטש צו קענען מצליח זיין אין לעבן.

אום מוצש"ק בעפארן מעמד המרומם און "סעודת הודאה" האט דער רב שליט"א אפגעהאלטן אן אסיפה - בפקודת כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א - מיט די נארוואס אויפגענומענע מורי צדק דקהלתינו הק', ה"ה הרה"ג רבי מאיר וויינבערגער שליט"א און הרה"ג רבי ליפא טייטלבוים שליט"א, אינעם נייעם "בית הוראה" בבנין ביהמ"ד הגדול, ווי דער רב שליט"א האט אויסגעשמועסט פארשידענע דרכי וכללי הוראה, און איבערגעגעבן פון זיין ערפארונג במשך די יארן, ווי אויך פסקים והוראות מזקינו הגדול מרן פוסק הדור בעל שבט הלוי שליט"א.

זונטאג פארמיטאג איז פארגעקומען א גאר וויכטיגע "דרשת חיזוק" בבית האכסניא אין שטוב פון הר"ר יעקב שרייבער שליט"א, וואס איז ספעציעל געווען געווידמעט פאר די עלטערע אינגעלייט וואס האבן שוין ערוואקסענע קינדער אין שטוב, ווי דער רב שליט"א האט אויסגעשמועסט א ריי מיט גאר גאר וויכטיגע הדרכות חשובות ונחוצות וואס איז נוגע לחינוך הבנים והבנות.

בשעה שהחכם יושב ודורש.

# געהויבענע שב"ק וישב-כ"א כסלו געפראַוועט בתוככי קהלתינו הק'

א גאר געהויבענער שב"ק האבן סאטמארע חסידים תושבי אנטווערפען מיטגעלעבט דעם פארגאנגענעם שבת קודש פ' וישב כ"א כסלו, ווען עס האט געווײלט אין שטאט הגה"צ אב"ד ור"מ סאטמאר לאנדאן שליט"א.

דער סאטמאר לאנדאנער רב שליט"א האט איינגעוויליגט אויף די בקשה פון די הנהלת הקהלה צו קומען צו פארן און פראווען א געהויבענעם שב"ק, לרגל דעם יום הצלה והשחרור פון מרן רבינו הק' בעל דברי יואל מסאטמאר זי"ע וואס איז אויסגעפאלן בעצם יום השב"ק פ' וישב.

צו תפלת מנחה ערב שב"ק האט דער רב שליט"א יורד געווען לפני התיבה, און פארגעדאווענט מיט גרויס התעוררות. צו קבלת שבת איז צוגעגאנגען הרה"ח ר' שלום יצחק דאסקאל הי"ו גבאי ביהמ"ד סאטמאר, זכרון מאיר בני ברק.

נאכן דאווענען האט גענומען א לענגערע ווײלע ווילאנג דער ציבור איז אדורך און שלום געגעבן פאר גרויסן גאסט שליט"א.

ארום האלב צעהן איז דער רב שליט"א ערשינען צו די 'באטע', צו וועלכן עס האבן זיך פארזאמלט א גרויסער ציבור סאטמארע חסידים. עס איז געזינגען געווארן די ניגוני שב"ק, ווי אויך ווארעמע חסיד'ישע ניגונים, וועלכע דער ציבור האט מיטגעזינגען מיט גרויס התעוררות.

בין הפרקים האט דער רב שליט"א עטליכע מאל משמיע געווען דברי תורה, ארומערעדנדיג איבערן ענין פון 'התחדשות', וואס א מענטש דארף שטענדיג זוכן התחדשות בתורה ועבודת ה' און נישט צו ווערן אפגעשוואכט און נאכגעלאזן. און דער רב שליט"א האט דערמיט גאר פאסיגע געטייטשט די פסוקי פרשת השבוע און פארשידענע מאמרי חז"ל.

אינמיטן די באטע האט דער ציבור אויך אויפגענומען מיט כבוד דעם מרא דאתרא הגאון רבי אהרן שיף שליט"א וועלכער איז געקומען זיך באטייליגן במשך א לענגערע צייט לכבוד האורח הדגול שליט"א ולכבוד הציבור שיחי'. און האט אויך משמיע געווען שיינע דברי תורה לרגל די נס ההצלה פון רבינו הק' בעל דברי יואל זי"ע.

צום ענדע פון די באטע איז דער ציבור ארויס אין פייערדיגע ריקודין לויבנדיג און דאנקענדיג השי"ת אויף די נס ההצלה פונעם רבי'ן זי"ע, און דער ציבור האט זיך פארשפרייט פון די באטע אין א שפעטע שעה.

שב"ק בייטאג איז צוגעגאנגען הרה"ח ר' פנחס בערנשטיין הי"ו צו פסוקי דזמרה. און דער גרויסער גאסט הגה"צ דער רב שליט"א האט יורד געווען לפני התיבה צו תפלת שחרית. מוסף האט פארגעדאווענט מוה"ר מענדל קאפף הי"ו פון לאנדאן.

ארום צעהן מינוט בעפאר תפלת מנחה האט זיך דער רב שליט"א באטייליגט ביים "חברת תהלים" ווי עס באטייליגן זיך מדי שבת בשבתו צענדליגע קינדערלעך בליעה"ר און זאגן אינאיינעם די שירי נעים זמירות ישראל. ווי דער רב שליט"א האט משמיע געווען דברי חיזוק פאר די קינדערלעך רעדנדיג בשפה רפה אז יעדער זאל קענען פארשטיין.

ביי סעודה שלישית איז די גאנצע היכל הביהמ"ד ספעציעל אויסגעשטעלט געווארן צו קענען אריינעמען דעם גאנצן ציבור בליעה"ר.

כנהוג בבית מדרשינו איז געזינגען געווארן די ניגוני סעודה שלישית מיט גרויס ווארעמקייט. ווי דערנאך האט דער רב שליט"א משמיע געווען דברי כיבושין מיט גרויס התעוררות, ארומערעדנדיג שטארקע דברי חיזוק והתעוררות.

עס איז שוין געווען קרוב צו א שעה נאכן זמן ווען מען האט פארענדיגט די גאר געהויבענע סעודה שלישית, ווי דער ציבור האט זיך פארשפרייט מיט פעסטע קבלות לטובה און התעוררות צו שטייגן למעלה למעלה.

יום שבתון אין לשכוח.

## זמני בית הוראה

משעה 3:00 עד שעה 4:30 אחה"צ

**הרה"ג רבי מאיר וויינבערגער שליט"א**

משעה 9:00 עד שעה 10:30 בערב

**הרה"ג רבי ליפא טייטלבוים שליט"א**

# זכרון להולכים

(פארזעצונג פון זייט 4)

רבי זייער מחבב געווען, און ווען נאר ער פלעגט אריינקומען צום רבי'ן זצ"ל האט דער רבי אים ארויסגעצייגט אותות יקר וכבוד.

אויך איז ער געווען שטארק נאנט צו יבלחט"א כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א, און נאך אין די פריערדיגע יארן, פלעגט ער זיך כסדר פאראינטערעסירן איבער די הצלחה פונעם רבנות אין די שטאט קרית יואל. ער פלעגט רופן זיך מזכיר זיין ביים רבי'ן שליט"א, און זיין התבטלות און הכנעה איז געווען לאות ולמופת ביים היימישן ציבור אין שטאט.

ווען דער רבי שליט"א האט ל"ג בעומר בשנת תשס"ו מייסד געווען די הייליגע חבורה "יסודי התורה" האט ר' אנשיל ז"ל ווי א געטרייער עבד נאמן זיך תיכף אנגעשלאסן אינערהאלב די חבורה, און פלעגט זיך משתתף זיין ביים שיעור הקבוע ביינאכט דורך הר"ר יעקב שרייבער שליט"א מגי"ש בקהלתינו הק'.

פארגאנגענעם שב"ק פ' שמיני תשע"א ווען עס איז אין א גוטע שעה נתחדש געווארן זיו אורה פון קהלתינו הק' מיטן עפענען שערי בית מדרשינו המפואר, האט זיך הרה"ח ר' אנשיל ז"ל תיכף קובע מקום געווען תמידין כסדרן בין כותלי בית מדרשינו, ווי ער איז נתכבד געווארן כערכו הרם ווי עס פאסט זיך פאר איינער מזקני ופארי קהלתינו הק'.



הרה"ח ר' אנשיל שעהר ז"ל צווישן די חשובי העדה ביים מעמד פתיחת שערי בית מדרשינו ליל שישי פ' שמיני תשע"א

ער איז געווען א געוואלדיגער בעל מדת תרומיות. ער האט פארמאגט אן אפגעהיטן מויל, און קיינמאל האט מען פון אים נישט געהערט קיין לשון הרע, רכילות, דבר שקר וכדומה.

ער איז באזונדער באקאנט געווען אלס זעלטענער נקי כפים. יענעמ'ס א פרוטה איז געווען ביי אים ווי פייער און איז אנטלאפן דערפון כמטחוי קשת. יארן לאנג האט ער געארבעט אין די דיאמאנט-בערזע אין אנטווערפן און ער האט דארט מקדש שם שמים געווען מיט זיין געהויבענע הנהגה. אנדערע מיטארבעטער אין די בערזע, אידישע און להבדיל גוי'אישע ביזנעסלייט, זענען פשוט נתפעל געווארן ווי שטארק ער גיבט זיך אכטונג נישט נכשל צו ווערן אין א חשש רחוק פון גניבה וכדומה.

ער איז געווען א געוואלדיגער מתמיד. ער איז געזעסן אין געלערנט און די תורה איז געווען זיין גאנצער חיות. ער איז געווען א דמות דיוקן פון די ווערטער אין מסכת אבות "עשה תורתך קבע ומלאכתך ארעי". טראץ דעם וואס ער איז געווען טרוד על המחי', האט ער מקדיש געווען שעות אויף שעות אויף לימוד התורה. אסאך צייטן איבערן טאג האט ער געהאט פארשידענע חברותות אדער שיעורי תורה ברבים אין פארשידענע בתי מדרשים אין די שטאט. ער פלעגט גיין פון איין ביהמ"ד צו די אנדערע, צו זיינע באשטימטע שיעורים איבערן טאג.

ער האט געלערנט גרונטליך און טיף, ער האט זיך נישט געלאזט פאפן, און ער האט פונקליך געמוזט פארשטיין יעדע תירוץ און יעדע הוה אמינא, און אזוי זיך מעמיק געווען בעמקה של תורה.

זייענדיג עוסק בלימוד הלכה האט ער פיל געלערנט די ספרי הרמב"ם, און ער האט דערביי אויך זוכה געווען מזכה צו זיין את הרבים, ווען ער האט אליינס געמאכט א גרויסן "מפתח" מיט פונקטליכע אנווייזונגען, וואו דער רמב"ם רעדט פון יעדע מקצוע בהלכה. ער האט שווער געארבעט דערויף, און ער האט כסדר געזוכט עס צו פארשפרייטן אין אלע בתי מדרשים און ישיבות, כדי מזכה צו זיין את הרבים. זיין מפתח איז היינט שטארק אויפגעכאפט צווישן בני תורה, און אין ישיבות והיכלי התורה.

אדורכקוקנדיג זיין עזבון הספרים איז געווען א נאטורליכע זאך צו טרעפן אין פיהלע ספרים אריינגעלייגט קליינטשיגע צעטלעך, צו געדענקען ווי ער האלט בשעת'ן לערנען דעם ספר. ווי אויך צעטלעך מיט קורצע מראי מקומות איבער פארשידענע ענינים אין וועלכן דער ספר רעדט ארום.

במשך השנים האט ער געליטן פיל יסורים, ובפרט מיט בערך צוואנציג יאר צוריק ווען מ'האט ליידער אנדעקט ביי אים די ביטערע מחלה. ער האט זיך ביסלעכווייז ערהוילט פון די מחלה, און כאטש ער איז געבליבן דערפון אפגעשוואכט און מדוכא ביסורים, האט ער זיך כסדר מחזק געווען אנצוגיין ווייטער. און אפילו אין די לעצטע צייטן וואס ער איז שוין געווען אפגעשוואכט און האט געדארפט צוקומען צו פארשידענע פראצעדורן, איז ער נאך כסדר געקומען אין ביהמ"ד און צו זיינע שיעורים. מיט געציילטע וואכן צוריק האט ער נאך עולה געווען שב"ק בבית מדרשנו לרגל די שמחת החתונה פון אן אייניקל שי' מעבר לים, און אזוי אויך האט ער זיך נאך דעם ווינטער באטייליגט ביים לערנען אין דעם כולל ערב בבית מדרשנו.

מיט בערך א וואך פאר די פטירה האט מען ליידער ווידער אנטדעקט ביי אים די ביטערע מחלה ה"י, און ער איז אריינגעפירט געווארן אין שפיטאל אויף באהאנדלונגען. מאנטאג פ' וישב אינדערפרי איז ער אוועקגעפאלן אין אנמאכט, און קורץ דערנאך יצאה נשמתו במעמד עטליכע פון להבחל"ח די בני המשפחה.

יהא זכרו ברוך.

# דברים חוצבים להבות אש

שנשמעו מאת

# הגה"צ אבדק"ק ור"מ סאטמאר לאנדאן שליט"א

## אצל המעמד המרומם וכינוס אנשי שלומינו תלמידי וחסידי סאטמאר
## מוצש"ק פ' וישב-כ"א כסלו העעל"ט באולם השמחות בבנין בית מדרשינו הגדול

**תהלות** לקל עליון, ברוך הוא וברוך שמו, מען פארזאמעלט זיך ווייטער להודות ולהלל צום הייליגען באשעפער, על כל הטוב אשר גמלנו, דער באשעפער האט אונז איבערגעלאזט, די שארית הפליטה, דעם רבי'ן זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל.

הגם דער נס איז געטון געווארן מיט אריבער זעכציג יאר צוריק, והגם אז מיר זענען שוין נישט זוכה אז דער רבי דער בעל הנס לעבט און געפינט זיך בינינו בחיים חיותו, והגם אז מדי שנה בשנה קומט מען זיך צוזאם און מ'רעדט און מ'חזרט איבער, וואלט דאך לכאורה געדארפט זיין אז עס זאל ווערן וויניגער און וויניגער, די שמחה און די געפילן פון הודאה, דער תוכן פון דעם שמועס. אז עס איז שוין אזויפיל יארן נאכאמאל און נאכאמאל, וואלט דאך לכאורה געדארפט זיין פוחת והולך, דערווייל זעהן מיר אונז אז עס איז פארקערט.

דער הסבר דערפון קען זיין. דער רבי ז"ל אין דברי יואל אין די תורות פון שמחת תורה, איז דא דארטן אפאר בלעטער תורות וואס דער רבי האט געזאגט אויף ספר קהלת וואס מען זאגט עס סוכות. איז דא דארטן א ווארט וואס דער רבי טייטשט אויפן פסוק (קאפיטל ד' פסוק ב'), "ושבח אני את המתים שכבר מתו מן החיים אשר המה חיים עדנה", זאגט דער רבי דארטן, וואס איז פשט, ושבח אני את המתים, וואס קען א מת אויפטון, א לעבעדיגער קען נאך אויפטון. זאגט דער רבי א מורא'דיגע געדאנק, ושבח אני את המתים, וואס זיי לעבן שוין אזוי לאנג נישט, און זייער זכות האט א השפעה, שוין אזויפיל יארן גייט עס אן, ושבח אני את המתים וואס זיי האבן גערעדט צום אידישן פאלק הייליגע דיבורים, און אזויפיל יארן שפעטער רעדט נאך דעי ווערטער, אפילו ווען דער עולם איז א עולם השפל, קלינגען נאך די ווערטער פון די מתים שכבר מתו, דאס איז א מורא'דיגער שבח.

טייטשט דער רבי, שלמה המלך זאגט, ושבח אני את המתים שכבר מתו, מן החיים אשר המה חיים עדנה - איך קוק צו ווי אזוי עס זעהן אויס די לעבעדיגע וואס זיי לעבן נאך, מן החיים אשר המה חיים, פון די לעבעדיגע וואס זיי לעבן, איך זעה ווי אזוי זיי לעבן, איך זעה ווי אזוי זייער לעבן קוקט אויס, און פון וואו נעמט זיך עס, ס'נעמט זיך מן המתים שכבר מתו, איז דאס א געוואלדיגער גרויסער שבח. א מורא'דיגער טייטש.

קומט דאך אויס אהובי ורבותי לפי זה, אז **וואס א יאר שפעטער וואס די וועלט גייט מטה מטה, נאך מער שפל, און נאך אלץ איז דא א קומץ אידן, א גרויסער קומץ, וואס גייט אין א דרך התורה והיראה. מען האלט זיך אן, מיט אלע נסיונות און מיט אלע שוועריגקייטן און מיט אלע פיתויים, האלט מען זיך אן אין די ווערטער, אין די הדרכה וואס מען האט באקומען, איז דאך פון יאר צו יאר וואקסט דאך דער שבח מער און מער, נאך א יאר אריבער געגאנגען, און נאך אלץ גייט אן דער כוחו של אותו זקן.** איז דאך דער ושבח אני את המתים שכבר מתו, דער כבר איז שוין נאך א יאר, עס איז שוין נאך א נאמען צוגעקומען, ס'איז שוין כבר אזויפיל יארן, און נאך אלץ גייט עס אן. ממילא איז נישט קיין חידוש אז אדרבה ואדרבה פון יאר צו יאר וואקסט מער דער כח השמחה, פאר א אמת'דיגער מתבונן וואס לעבט נישט אזוי אויבערפלעכליך, און מען טראכט אריין אמת'דיג וואספארא געוואלדיגער גרויסער רחמנות האט דער באשעפער אויף אונז רחמנות געהאט, און געלאזט איינער וואס ער איז געווען כמעט א אחד הי', און געלאזט צו הערן דעם אמת'ן דעת תורה, און דאס האלט מען און מ'לערנט דאס און מ'האלט זיך צו דעם, איז דאס א געוואלדיגער גרויסער חיוב פאר אונז להודות ולהלל לשמו הגדול.

## כ"א כסלו בבחינת 'זמן מתן תורתינו'

**דער** רבי זאל זיין געזונט האט אין איינע פון די יארן [כ"א כסליו] געזאגט, בהקדם מיט א ווארט פון רבי'ן ז"ל אין די תורות פון שבועות, וואס פרעגט דארטן, דער מגן אברהם פרעגט די באקאנטע קשיא, פארוואס מען האלט שבועות און מ'זאגט זמן מתן תורתינו ו' סיון, ווען אונז ווייס מיר על פי חז"ל אז פסח מצרים איז געווען דאנערשטיג, אויב אזוי לפי חשבון פון די מ"ט יום דארף אויסצוקומען אז זמן מתן תורתינו איז געווען ז' סיון, פארוואס זאג מיר אונז ו' סיון זמן מתן תורתינו, די קשיא פון מגן אברהם, א באקאנטע קשיא.

**האט** דער רבי ז"ל אמאל געענטפערט, על פי דברי הגמרא אין סוטה, אין סוטה (דף י"ב ע"ב) איז דא א גמרא,

אמר ר' אחא בר חנינא, אז ווען מען האט גענומען משה רבינו און מען האט אים אריינגעווארפן בגזירת פרעה אין טייך - דאס איז געווען ו' סיון - האט מען אריינגעווארפן משה רבינו אין טייך, זאגט די גמרא דארטן, אמרו מלאכי השרת לפני הקב"ה, דער תינוק וואס מען האט אריינגעווארפן אין וואסער, ער דארף זיין דער וואס וועט געבן די תורה פאר אידישע קינדער, דאס גייט געשען יעצט פאר אים? מען ווארפט אים אריין אין וואסער? וואס וועט זיין מיט די תורה? דאס תורה איז דאך נגזר געווארן על פי חכמתו אז דאס דארף דורכגיין דורך משה רבינו. האט דער אייבישטער געזאגט, משה רבינו וועט געראטעוועט ווערן.

**האט** דער רבי געזאגט, על פי דברי הגמרא איז שוין נישט קיין חידוש אז ו' סיון זאגט מען זמן מתן תורתינו, ווייל אויב ו' סיון איז משה רבינו געראטעוועט געווארן, און ווען נישט דאס האבן מלאכי השרת גע'טענה'ט אז דורך וועמען וועט די תורה געגעבן ווערן אויב דאס דארף גיין דורך משה און עס וועט נישט זיין קיין משה. איז לעולם אפילו בפועל איז די תורה געגעבן געווארן ז' סיון, אבער ו' סיון איז דער טאג וואס איז געגעבן געווארן פאר כלל ישראל די כלי, די אמצעי, די מעגליכקייט אז עס זאל זיין א מתן תורתינו, אזוי האט דער רבי געענטפערט.

**דער** רבי זאל זיין געזונט האט על פי זה געזאגט, זייער פשוט, אויב אזוי איז כ"א כסליו א געוויסע בחינה פון א זמן מתן תורתינו. כ"א כסליו, ווען נאך דעם וואס ס'איז אראפגעקומען, ס'איז געלונגען, אונז פארשטיי מיר עס אינגאנצן נישט, מ'וועט עס ביז משיח וועט קומען נישט פארשטיין, וואס איז געווען וואס איז אנגעגאנגען די הסתר פנים דעמאלטס, ביי די גזירה וואס איז געווען פאר איבער זעכציג יאר צוריק. וואס דארט זענען אומגעקומען רוב רובם פון די גדולים ומנהיגים, די אמת'ע גדולים ומנהיגים, וואס זיי האבן געהאט די לעכטיגע אויגן צו וויסן מבדיל צו זיין בין קודש לחול בין טהור לטמא. און ווען נישט דער אייבישטער לאזט אונז איבער דער מעתיק השמועה מיטן מורא'דיגען חוש הריח, ווי אזוי וואלטן אונז היינט אויסגעקוקט. דאס קען מען זיך גארנישט פארשטעלן וואס דאס מיינט, אונז וועלן עס קיינמאל נישט קענען פארשטיין - ווייל דער אייבישטער האט אונז נישט צוגעפירט צו אזא מצב - אז אונז זאלן קענען שאצן, ווען דער רבי וואלט נישט געווען ווי אזוי דאס וואלט אויסגעקוקט.

## שמירת התורה והמצות בלי שום שינוי

**ממילא** איז היינט כ"א כסליו, אפילו ביינאכט, ביי קדשים איז דאך הלילה הולך אחר היום, **איז א געוואלדיגער גרויסער זמן פון צו פילן, אז דא איז דא א געוויסער כח פון א מתן תורתינו. די כלים, די אמצעים, צו היטן די ארגינעלע תורה, צו היטן די תורה אן קיין חכמות, אן קיין שינויים, אן קיין חידושים, צופרידן זיין מיט די זעלבע תורה וואס אונזערע רבי'ס און אונזערע עלטערן האבן אונז געלערנט, זיי האבן געלערנט און זיי האבן דאס אונז אויסגעלערענט, דאס איז די משמעות פון דעם טאג.**

**איינע** פון די יסודי היסודות, און קען זיין אז דער בריח התיכון המבריח מן הקצה אל הקצה פון אלע דרשות און אלע שמועסן פון רבי'ן ז"ל, כולל ספר ויואל משה, קען אפשר זיין - אויב מ'מעג מגדיר זיין א הגדרה - דער יסוד איז איין זאך. יעדער טריט פון א איד אין יעדן נושא, אין נושא פון עסן, אין נושא פון טרינקען, אין נושא פון מלבושים, חינוך הבנים, חינוך הבנות, בויען מוסדות התורה, בויען אידישע הייזער, בויען בתי חינוך פאר מיידלעך, יעדע זאך האט א תורה וואס די תורה זאגט ווי אזוי מען מאכט עס, און מען רירט זיך נישט פון דארטן. מען קען נישט ארויסברענגען קיין שום הוראה פאר כלל ישראל אין קיין שום ענין, צי א הוראה וואס געהערט צו א פריוואטן איד, צי א הוראה וואס געהערט פארן ציבור, גארנישט קען נישט זיין ווען די הוראה איז נישט געבויעט אויף די תורה הקדושה.

**...דאס איז דער יסוד, און מען האט דאס געזען אין פארשידענע און פארשידענע ענינים, אז עס איז דא א תורה און עס איז דא א שולחן ערוך! און מען קען נישט מיט געפילן, מען קען נישט מיט חשבונות, אפילו נישט מיט רבי'שע קוקן און בליקן פון רבי'שקייט, קען מען נישט משנה זיין וואס די תורה זאגט...**

**דאס איז דער יסוד, און מען האט דאס געזען אין פארשידענע און פארשידענע ענינים, אז עס איז דא א תורה און עס איז דא א שולחן ערוך! און מען קען נישט מיט געפילן, מען קען נישט מיט חשבונות, אפילו נישט מיט רבי'שע קוקן און בליקן פון רבי'שקייט, קען מען נישט משנה זיין וואס די תורה זאגט.**

**לא** מרובכם חשק ה' בכם כי אתם המעט מכל העמים, דער אמת ליגט נישט אלעמאל ביים רוב. דער אייבישטער האט בוחר געווען כלל ישראל ווייל זיי זענען די מעט. עס גייט יעצט יו"ט חנוכה, וואס איינע פון די חלקים פון די הודאה וואס אונז זאגן אין די ועל הנסים איז די "ורבים ביד מעטים", דאס איז א נס. וואס איז דער נס, אז דער כח המעט האלט זיך, אז דער כח המעט איז גורר, און דער כח המעט קען מען נישט אונטערברענגען.

**און** ברוך ה', ושבח אני את המתים שכבר מתו, סאיז שוין כבר כבר, אזוי לאנג צוריק, און דער שבח איז געוואלדיג, אז

ס'גייט אן די תורה, די חינוך, ס'גייט ארום און ס'גייט אן מיט גרויס כח און קראפט עד היום הזה ועד בכלל.

## בשעה שהחכם יושב 'ודורש'

**דער** רבי ז"ל פלעגט צו זאגן אסאך, איך ווייס אז צו זיין א סאטמארער חסיד איז א פלעק, ס'איז שווער. איך וואלט געוואלט מוסיף זיין אויב איך מעג, היינט קענען אונז זאגן, אז צו זיין א סאטמארער חסיד פון אונזערע קהילות, וואס דער רבי זאל זיין געזונט פירט, איז נאך שווערער. איך האב געטייטשט בדרך מליצה, חז"ל זאגן, בשעה שהחכם יושב ודורש הקב"ה מוחל עוונותיהם של ישראל. דער הייליגער חת"ם סופר אין די דרשות אין סוכות, פרעגט ער, וואס איז די געוואלדיגע גרויסע מעשה וואס מען זיצט און מען הערט אויס א חכם דרש'נט, וואס ס'קומט זיך פאר דעם אזא ברכה, הקב"ה מוחל עוונותיהם של ישראל. דער חת"ם סופר זאגט בדרך מליצה, אמאל זיצט דער חכם און ער איז אזוי מאריך און עס ווערט נמאס צו הערן, און מען זיצט אייַן, מען טוט אים א טובה און מען הערט אים אויס, בשכר זה הקב"ה מוחל עוונתיהם של ישראל. אזוי זאגט דער חת"ם סופר דארט אין א דרוש אויף סוכות.

**איך** מיין אז מען קען זאגן, בשעה שהחכם יושב ודורש, "דורש" איז מלשון מאנען, פאדערן, נישט מ'דרש'ענט. מ'איז זיך נישט מסתפק מיט אויסטייטשן א שיינע מדרש פליאה מיט א שיינע לשיטתו, נאר יעדע דרוש, יעדע שלש סעודות לאזט זיך אויס, מען נעמט אהיים א תביעה, מ'מאנט, כסדר מאנט מען ביי אונז, כסדר פאדערט מען, צו זיין א מוסיף והולך, נישט נאר אכט טעג חנוכה, דריי הונדערט פינעף און זעכציג טעג אין יאר ווערן אונז געפאדערט צו זיין א מוסיף והולך, אין תורה, קביעת עתים לתורה, אין חסידות, נישט א פארטייאישע חסידות, נאר חסידות, דאווענען ווארעם, דאווענען שטאַט, נישט גיין מאדערן אנגעטון, צניעות המלבושים ביי מענער, צניעות המלבושים ביי ווייבער, כסדר מאנט מען ביי אונז נאך און נאך. און דאס איז א כסדר, יושב ודורש, כסדר גייט עס אזוי. ס'איז ביי אונז היינט אסאך שווערער צו זיין א סאטמארער חסיד. און אין דעם זכות, אז מ'שטעלט זיך צו, איז דא טאקע א ברכה, הקב"ה מוחל עוונותיהם של ישראל, אז מען איז נכנע, מען פאדערט, און מ'שטעלט זיך צו, האט מען דעם זכות און די מתנה.

**יעדער וואס וויל זיך צושטעלן, יעדער וואס וויל זיין פון די חסידים ואנשי מעשה, וואס וויל דינען דעם אייבערשטן ווי ס'דארף צו זיין, יעדער וואס וויל זוכה זיין מעמיד צו זיין א דור ישרים יבורך, על דרך ישראל סבא, ווי אונזערע זיידעס און אונזערע רבי'ס האבן אונז געלערנט, דארף זיך קובע זיין צווישן 'די פיר ווענט', וואס דארטן לערנט מען די תורה, און דארט ווערט דערהערט די קול פון אונזערע רבי'ס אן קיין בושה, יעדע שורה ווערט ארויסגעברענגט מיט איר ריכטיגע קלאנג, און דארט ווערט דערהערט די פאדערונג און די מאָן וואס דער רבי מאנט ביי אונז.**

**איך** האב געטראכט, די י"ב שבטים הייסן שבט ראובן, שבט שמעון, אדער מטה ראובן, מטה שמעון. שבט מיינט א שטעקן, חושך שבטו שונא בנו, מטה מיינט ווייטער א שטעקן, קח את המטה אשר בידך. פארוואס עפעס האבן די שבטים דעם נאמען, אדער הייסט עס שבט, אדער הייסט עס מטה, און ביידע איז דער טייטש א שטעקן, פארוואס, הלא דבר הוא.

**ס'קען** זיין, ס'איז נישט מעגליך אז מען זאל זיך דערהאלטן און זיך נישט רירן פונעם אידישן וועג בשלימות, אויב מען האט נישט א שטעקן אויף זיך. קיינער זאל נישט טראכטן, מיין קינד וועל איך שיקן אין א מוסד, וואו עס איז דא דארט פיינע רבי'ס, א שטרענגע מנהל, וואס וועט שטיין, אז די קינדער זאלן לערנען, די קינדער זאלן קענען, זיי זאלן זיך לאזן פארהערן. שפעטער אין ישיבה אריין, וועל איך אים שיקן ווי עס איז דא גוטע מגידי שיעור, א שטארקע ראש ישיבה, וואס קוקט זיך אום אויף די בחורים, וואס מאנט ביי זיי, שטייטס אויף פארטאגס, זיי זאלן לערנען, זיך פארהערן, גמרא תוס', שו"ע. דארט וועל איך שיקן מיינע קינדער.

**זאג** נאר ר' איד, וואו ביסטו, ווער מאנט ביי דיר, ווער מאנט פון אונז. געענדיגט, געזאגט הרי את מקודשת לי, ארויסגעגאנגען פון ישיבה ארויס, נישטא קיין מגיד שיעור אויפן קאפ, קיין משגיח, קיין ראש ישיבה, גארנישט, מ'גייט און מען פירט א שטוב. מ'איז היינט צוואנציג, דרייסיג, פערציג, פופציג, זעכציג, עד מאה ועשרים, ווער שטייט אויף דיר אויפן קאפ. עס זענען געווען אמאל גדולי ישראל וואס האבן געגומען מגידים און מוכיחים אז זיי זאלן זיי מוכיח זיין. אונז פשוט'ע מענטשן, אונז וויל מיר גוט זיין, אבער ווער שטייט אונז אויפן קאפ.

**עס** איז נישט מעגליך, ממש נישט מעגליך, א מענטש שטייט נישט אלעמאל אויף די זעלבע דרגה. מען וויל, און מ'וויל אמאל גאר שטארק, און מ'שטרענגט זיך אן, און אמאל שטרענגט מען זיך אן גאר שטארק, אבער דאס איז אמאל. דאס גייט נישט דריי הונדערט און פינעף און זעכציג טעג א יאר, און אויב מ'האט נישט איבערן קאפ איינער וואס מאנט, איינער וואס פאדערט, איינער וואס זאגט אמאל א ווארט, אמאל א ווארט מוסר, און אמאל א ווארט חיזוק, דער קען זיך נישט האלטן.

**דער** אייבישטער האט אוועקגעשטעלט כלל ישראל, אז עס איז דא שבטים, אז איינער געהערט צו א שבט, דאס איז זיין שטעקן, דאס איז זיין מטה, דאס איז זיין שבט. **ווען איינער געהערט נישט אין ערגעץ, האט ער נישט קיין שטעקן. היינט דאווענט ער דא, מארגן דאווענט ער דארטן, היינט פאלט ער אריין ביי דעם שיעור, מארגן פאלט ער אריין ביי יענע שיעור. קיינער קען אים נישט פרעגן, וואו ביסטו געווען היינט ביים דאווענען, ווייל מסתם היינט**

**דאווענט ער אין יענע ביהמ"ד, און וואו ביסטו געווען היינט ביים שיעור, היינט איז ער געווען ביי יענע שיעור... אז מען געהערט נישט, מען שליסט זיך נישט צו, צו א חבורה, צו שיעורי תורה, צו תפילות, איז נישטא דער שטעקן. ס'איז נישטא דער זאך וואס זאל מאנען ביי א מענטשן, שטעל זיך צו, וואו ביסטו געווען, פארוואס ביסטו געקומען שפעט.**

אפילו ווען עס איז נישטא ממש דער מענטש וואס שטייט אויפן קאפ, אבער די חבורה שטייט אויפן קאפ. איך האב געהערט אמאל, ס'איז געווען א מעשה ביים בית אברהם, ביים אלטן סלאנימער רבי'ן, איך האב עס געהערט פון די סלאנימער רבי דער ברכת אברהם - זיין אייניקל, האט ער מיר אמאל דערציילט א מעשה וואס איז געווען ביי זיין זיידן, א חסיד איז אוועקגעפארן לרגל מסחרו, ער איז אוועקגעפארן אויף געשעפטן. אמאל איז מען געפארן, ס'איז נישט געגאנגען אז מען איז געפארן מיט א פליגער און היום יצאתי והיום באתי... ס'איז געגאנגען אז מען איז געפארן מיט א פערד און וואגן, מ'האט געפעלט פון דערהיים אמאל וואכן. איז געווען אמאל א חסיד אונטערוועגנס איז אים אונטערגעקומען א שווערער ביטערער נסיון, ער האט זיך שטארק געראנגעלט מיט זיך; יא, ניין, יא, ניין. אויף איינמאל האט ער געטראכט, געוואלד, וואס פאלט מיר איין אזא זאך, איך וועל קומען אהיים, דער רבי וועט זעהן אויפן שטערן וואס איך האב געטון, וואספארא פנים וועל איך האבן. עס גייט אריבער א טאג צוויי, דער יצר הרע ארבעט, דער נסיון וואקסט אונטער ווייטער, נא נא, וועסטו דיך טוישן א רבי, וועסט גיין צו אן אנדערע רבי, און ער הייבט זיך אן ווייטער ראנגלען מיט זיך. שפעטער פאלט אים איין, אוי געוואלד, איך וועל קומען אהיים, איך וועל קומען אין ביהמ"ד, איך וועל מיך טרעפן מיט מיינע חברים, און איך וועל פילן, איך וועל טראכטן, ווען מיינע חברים זאלן וויסן וואו איך בין נעכטן געווען, וואו איך בין פאריגע וואך געווען, וואלטן זיי געשפיגן אויף מיר, אה! דאס האט אים צוריקגעהאלטן. ווי אזוי וועל איך זיצן צווישן מיינע חברים און איך וועל מיך פילן אז איך בין נעבעך אזוי נידריג. דאס הייסט הרבה למדתי מרבותי, אבער ומחבירי יותר מהם. דאס מיינט אז א שבט איז א שטעקן, דאס איז א מטה.

מ'קען זאגן אפשר בדרך מליצה, ס'איז דא א פסוק אנהייב סדר במדבר "ואתכם יהיו איש איש למטה איש ראש לבית אבותיו הוא", 'ואתכם יהיו', אויב יעדער פון ענק, וועט זיין איש איש למטה, יעדער וועט געהערן צו ערגעץ א הויף, צו עפעס א מטה. דעמאלטס 'איש ראש לבית אבותיו', קענסטו זיין א איש ראש לבית אבותיו. אז מ'געהערט נישט צו קיין מטה, איז סכנת נפשות. דער גייט פירן א שטוב? דער גייט מחנך זיין קינדער? ווי אזוי?! פון וואו וועט ער נעמען די שטארקייט, שטיין קעגן דעם שטורעם?!

**...יעדער וואס וויל זיך צושטעלן, יעדער וואס וויל זיין פון די חסידים ואנשי מעשה, וואס וויל דינען דעם אייבירשטן ווי ס'דארף צו זיין, יעדער וואס וויל זוכה זיין מעמיד צו זיין א דור ישרים יבורך, על דרך ישראל סבא, ווי אונזערע זיידעס און אונזערע רבי'ס האבן אונז געלערנט, דארף זיך קובע זיין צווישן 'די פיר ווענט', וואס דארטן לערנט מען די תורה, און דארט ווערט דערהערט די קול פון אונזערע רבי'ס אן קיין בושה...**

**לבית** אבותיו, שטייט נישט ואתכם יהיו איש איש למטה איש ראש לבית. אודאי ווען איינער וויל זיין א ראש בית, א הויפט פון א שטוב, נא נא, אבער נעבעך ווי אזוי די שטוב גייט אויסקוקן. אויב דו ווילסט ס'זאל זיין ראש לבית אבותיו, א שטוב וואס דיין טאטע וועט זיך נישט שעמען אז דו פירסט אזא שטוב, דיין זיידע און דיין עלטער זיידע בגבהי מרומים זאלן זיך נישט דארפן שעמען נעבעך וואספארא שטוב מיין אייניקל פירט אפ, דארף מען זיין א איש איש למטה.

און איש ראש לבית אבותיו, ווען מ'איז א איש, חז"ל זאגן אז איש מיינט א שטארקער מענטש, בעודו איש, זאגט די גמרא אין עבודה זרה (דף י"ט ע"א), ווען איינער איז נאך בתוקפו. מ'דארף זיין א איש, א שטארקער מענטש, א ראש לבית אבותיו, נישט קיין זנב. נישט ער זאל זיך נאכשלעפן נאכן שטוב, נאר ער זאל פירן די שטוב. א ראש לבית אבותיו, נישט קיין זנב לבית אבותיו. און א ראש לבית אבותיו, א מנהיג פאר בית אבותיו, ער זאל זיין א ראש, א איש על מחנהו ואיש על דגלו.

**ווען מען דרייט זיך צווישן אונזער עולם, מען הערט און מ'לערנט די תורות, די ספרים, די דרשות, די שמועסן וואס קומט כסדר, פון די פריערדיגע רבי'ס, און פון רבי'ן זאל זיין געזונט און שטארק, קויפט מען זיך איין א געוואלדיגע גרויסע שטארקייט, די יסודות פון אונזערע רבי'ס. און דער רבי זאל זיין געזונט איז א מורא'דיגערביישפיל אויף דעם, שטארק ווי א פעלזן שטיין, קעגן יעדן שטורעם, קעגן יעדן גל, קעגן יעדן כוואליע, זאל זיין וואס זאל זיין, מען בלייבט שטארק. מיטן לעבעדיגן פנים לערנט מען און מען דינט דעם אייבערשטן. דאס גיבט פאר אונז א מורא'דיגע מורא'דיגע ביישפיל, א מורא'דיגע הדרכה צו זיין טאקע א איש ראש לבית אבותיו.**

# עניני צניעות אצל נשים

**איינע פון די יסודות וואס דער רבי ז"ל האט אנגעהויבן, בתחילת נשיאותו נאך אינדערהיים, און אוודאי און אוודאי שפעטער, און איינע פון די יסודות פון די תקנות און די שטאטוטן פון די קהילה וואס מען האט געגרונדעט אין שנת תש"ה,** און ס'איז געדרוקט כידוע - מן הסתם ווייסט דער עולם דערפון - **איז געווען די נושא פון צניעות המלבושים אינדערהיים. דאס איז א געוואלדיגער גרויסער יסוד,** און עס איז דא דברים פשוטים וואס מ'ווייסט נישט דערפון, און ווען מען וואלט מער געוואוסט און מער גערעדט דערפון, וואלט מען בעסער געהיטן אויף דעם.

**אפאר נקודות וועל איך דורכגיין מיטן ציבור ברשותכם.**

**מכף רגל ועד ראש האט א אידישע טאכטער א תורה שלימה וואס זאגט ווי אזוי מען דארף גיין אנגעטון.** עס הייבט זיך אן מיט די זאקן. וויפיל און וויפיל האט דער רבי גערעדט ביי די דרשות דערפון, אין פארשידענע לשונות, שארפערע און ווייכערע, אז מינומום זיבעציגער שטרימפ. און ס'איז ממש די 'מינומום', דער רבי האט געפאדערט אז לכתחילה זאל מען גיין מיט הונדערטער. ווייל אז נישט איז א ברכה לבטלה, אסאך מאל ווערט געזאגט אין שטוב, ווען מען מאכט קידוש פרייטיג צו נאכטס, און די זאקן זענען דורכזיכטיגע זאקן, האט מען געמאכט צוויי ברכות לבטלה, מען האט מבטל געווען די מצוה פון קידוש, די קידוש איז קיין קידוש נישט, און שפעטער האט מען זיך אראפגעזעצט עסן א סעודה פאר קידוש.

**א** קלייד דארף זיין לאנג אז אין יעדן מצב, ווען מען זיצט, און אפילו ווען מען זיצט אויף א קאוטש, זאל זיין די קניה געהעריג צוגעדעקט. כאטשיג פיר אונטשעס נאך די ענדע פון די קניה זאל זיין די קלייד. און דער אמת איז אז מען קען נישט קובע זיין פונקט, ס'איז דא ברייטערע קליידער און שמאלערע קליידער, יעדע געבוי פון א פרוי איז אנדערש. א פרוי זאל וויסן ביי זיך, די קלייד דארף זיין לאנג אז אין יעדן מצב, אויך ווען מען גייט ארויף טרעפ, אויף וועלכען מצב ס'זאל זיין, זאל זיין די קניה געהעריג צוגעדעקט. נישט גיין צו שמאל, וואס דאס איז זייער א איינגעריסענע מאדערנע זאך, אז יעדע טריט וואס די פרוי מאכט איז ניכר, און דאס איז קעגן די יסודות פון חז"ל ווי אזוי א אידישע קלייד דארף אויסצוקוקען. די שפאלט, וואס ס'איז דא א נייע מאדערנע זאך, אז פון אונטן איז דא א שפאלט אין די קלייד, א אפענע שפאלט רעד איך. איך האב געהערט אמאל פון מיין זיידן זאל זיין געזונט [מרן הגאון פוסק הדור בעל שבט הלוי שליט"א], ער האט זיך אויסגעדרוקט, די גמרא דרש'ענט אויף 'זאת השסועה', אז דאס איז א טריפה'נע בהמה, האט ער געזאגט אז די שסע שסועה וואס איז דא אין די קליידער, דאס איז א טריפה'נע מלבוש.

א העמד, דארף זיין לכתחילה גענוג לאנג ביז די כף היד, און אוודאי נישט אויפגעפאַסט. וואס דאס איז א דבר חמור מאד, וואס מ'איז מכשיל אידישע מענטשן, ווען א אידישע טאכטער גייט ארויס אויף די גאס מיט א אויפגעפאַסטן העמד.

**די** האלז, אדער האט ער א קראגן, און דעמאלטס איז ער געהעריג צוגעדעקט. און א האלז וואס האט נישט קיין קראגן איז על פי רוב מיט די צייט ווערט ער ברייטער, און מען קען זעהן די תחילת השיפוע פון די אקסל, וואס דאס איז מקומות המכוסים, מען קען זעהן די לאך וואס איז דא אין פארנט, וואס דאס איז מקומות המכוסים, מען קען זעהן דעם ערשטן ביין פון די שדרה פון אונטען, וואס דאס איז מקומות המכוסים.

**זיך** שמירן, הלוואי ווען א אידישע טאכטער רירט נישט אן די אלע זאכן. אבער כאטשיג זאל עס נישט זיין מער ווי צוגעשטעלט צו א נאטורליך פנים. די אלע פארבן וואס מען ניצט פאר די אויגן וכדומה, דאס טאר נישט אריינקומען אין א אידישע חסיד'ישע שטוב. תכשיטים, ס'איז א נארמאלע זאך אז א פרוי טוט אן תכשיטים, אבער נישט אויפפאלענד, נישט די לאנגע אויערינגלעך וואס הענגט און ס'וואַרפט זיך ביי יעדן טריט, דאס איז נישט קיין איידעלע זאך, און עס האט נישט קיין פלאץ אין א אידישע חסיד'ישע שטוב.

**די** שייטלען, ווער ס'גייט מיט א שייטל, ער פארלאזט זיך אויף וועמען ער פארלאזט זיך, אז ער טוט אן א שייטל, ער גייט מיט א שייטל. זאל עס כאטש זיין, נישט לאנג, און נישט אויפפאלענד. די שייטלען מאכערן'ס טוען זיך אדווערטייזן און זיי זענען דאך מפרסם: דו זאלסט קומען צו מיר, איך וועל דיר צושטעלן, אז דו זאלסט אויסקוקען אזוי ווי דו האסט אויסגעקוקט אלס מיידל; דאס איז די יסוד פון א געלונגענע שייטל מאכערן, דאס איז א געלונגענע שייטל מאכערן? דאס איז א געלונגענע משחית! ווייל די יסוד איז, אז א אידישע טאכטער דארף אויסקוקען חתונה געהאט, נישט ווי א מיידל. און ווער ס'גייט שוין יא מיט א שייטל, זאל עס זיין אויף אזא וועג, אז נישט ווי א מיידל זאל מען אויסקוקען, נאר פארקערט. מען דארף זיך צודעקן די שייטל, נישט מיט עפעס אבי יוצא צו זיין; מען נעמט עפעס א דינע בענדל, נישט מיט קיין הוטן וואס רייסט אויס די אויגן, א איידעלע אנגעטועכס, נישט בולט, דאס איז א צורה פון א אידישע טאכטער.

**ס'איז נישט לייכט, עס איז דא אזעלכע וואס צו פועל'ן דאס אינדערהיים גייט נישט לייכט. אבער ווי פריער געזאגט, צו זיין א סאטמארער חסיד איז שווער! צו זיין א איד איז שווער! ס'איז אסאך לייכטער צו זיין א גוי חלילה, אידישקייט איז דער וואס גייט מיטן אלטן אידישן וועג. ס'איז נישט לייכט, אבער "זאת תפארתינו", טאקע ס'איז נישט לייכט, ס'איז שווער, אבער דאס איז אונזער שיינקייט.**

(המשך פון די דרשה אין קומענדיגן נומער בעז"ה)

# גאר געהויבענע "סעודת הודאה", כ"א כסלו

## פארגעקומען מיט גרויס פייערליכקייט פארגאנגענעם מוצש"ק פ' וישב אינעם "שמחה זאל" בבנין בית מדרשינו הגדול





דער הערליכער ציבור בליעה"ר ביים זיך צוהערן מיט אינטערעסע צו די שפאַנענדע און היסטארישע זכרונות דערציילט דורך הרבני הישיש מוה"ר יוסף מילגראַם הי"ו וועלכער איז געווען מיטן רבי'ן ז"ל אין שווייץ נאָכן באַפרייאונג




רעכטס: מוה"ר מנחם אלי' גראס הי"ו גבאי נאמן דבית מדרשינו האט געדינט אלס יושב ראש המעמד
לינקס: הרה"ג ר' אברהם שמעון קטינא שליט"א מגי"ש בחבורת "יסודי התורה" ביים זאגן דעם הדרן אויף מס' פסחים





טייל פונעם הערליכן ציבור תלמידי וחסידי סאַטמאַר בליעה"ר וועלכע האָבן איבערגעפילט על כל גדותיו דעם "שמחה-זאַל" בבנין בית מדרשינו הגדול במשך פונעם גאַנצן מעמד המרומם לרגל יום הצלת מרן רביה"ק והטהור זי"ע

# גאר געהויבענע "סעודת הודאה", כ"א כסלו

## פארגעקומען מיט גרויס פייערליכקייט פארגאנגענעם מוצש"ק פ' וישב
## אינעם "שמחה זאל" בבנין בית מדרשינו הגדול





רעכטס: הגה"צ אב"ד ור"מ סאטמאר לאנדאן שליט"א ביים משמיע זיין די פייערדיגע צענטראלע דרשה ביים מעמד
לינקס: ווערן געזעהן כ"ק הרה"צ רבי משה אהרן רייך שליט"א, און הרה"ג רבי יצחק זעקל פאללאק שליט"א דומ"ץ
מחזיקי הדת ביים באשיינען דעם מעמד אינאיינעם מיט די רבני ודייני קהלתינו הק' שליט"א

# באזוך פון הגה"צ אבד"ק ור"מ סאטמאר לאנדאן שליט"א

## זונטאג פ' מקץ האט דער לאנדאנער רב שליט"א באאבאכט פון די נאנט די נארוואס פארראכטענע דעכער
## פון די בנינים הגדולים דקהלתינו הק' פון ווי עס וועט בעז"ה קומען די 'מי גשמים' פאר די מקוה











# דברים ברורים בענינים העומדים על הפרק

## שנאמרו ברבים בהיכל בית מדרשינו - מוצש"ק פ' ויחי העעל"ט

**מ'האָט** געזעהן פריער ביי די תורה [אין דברי יואל] וואס מ'האָט פאַרגעלערנט ביי שלש סעודות, ס'איז געווען אַ שובבי"ם תורה, צום סוף האָט מען צוגעשטעלט אַ שטיקל אַ ברכה וואָס דער רבי ווינטשט אָן ביי אַ תורה, וואָס ער רעדט אַ הכנה ווען מ'גייט אַריין אין די ימי השובבי"ם, וויאַזוי ס'דאַרף אויסקוקן, מ'דאַרף צוגיין מיט אַ קדושה, מ'דאַרף וויסן אין וואָספאַראַ וועלט מ'לעבט, אין וואָספאַראַ דור, און דער רבי הייבט זיך אָן צו באַציען כלפי די ממשלה הטמאה וואָס אונז לייד מיר אַזויפיל צוזאַם פון דעם דאָ אין גלות היינטיגע צייטן, אַז ס'איז אויפגעשטאַנען אַזאַ זאַך אין ארץ ישראל, און ער זאָגט דאָרט דאָס לשון, אַז נישט נאָר אַז דאָס גייט אָן אין ארץ ישראל נאָר זיי פאַרשפרייטן זיך איבער די גאַנצע וועלט וואו זיי קענען להסית ולהדיח את כלל ישראל, איבעראָל אין די גאַנצע וועלט.

**איך** וועל נישט אריינגיין אין אַלע פּאָליטישע פרטים, ווייל איך בין נישט באַקאַנט אין דעם אויך נישט, נאָר יעדער ווייסט אַז די לעצטע פּאָר וואָכן איז דאָ גרויסע איבערקערענישן אין ארץ ישראל, אין איין וואָרט איז די איבערקערענישן צווישן די פרומע און די פרייע, אַ גרויסע שנאת הדת האָט זיך שטאַרק אויפגעפלאַקערט, און ס'טוט זיך גרויסע מחאות און הפגנות און פאַרשידענס פאַרשידענס, פאַרשטייט זיך אַז די צייטונגען האָבן זיך שטאַרק צולאָזט, און ס'גייט קיינעם נישט אָן, וואָס אַ נפקא מינה וואָס אפיקורסים און כופרים שרייבן, ס'אינטערעסירט נישט קיין שום חרדי'שע איד, וואָס עס אינטערעסירט יאָ איז אַז ליידער האָט זיך עס אַריבערגעכאַפּט דאָ אין שטאָט אויך.

**איך** וויל נישט אַריינגיין און זיך באַציען יעצט איבער דער פערזאָן, מ'דאַרף יעצט רעדן פון די פעולות אַרום און אַרום, מ'רעדט נישט פון דער מענטש מ'רעדט פון די פעולות. ס'איז דאָ אַ בלעטל וואָס קומט אַרויס דאָ אין שטאָט און ס'האָט זיך שטאַרק צעווילדעוועט די וואָך און אַרויס מיט שאַרפע אַטאַקעס קעגן די קנאי'שע קרייזן אין ארץ ישראל, און ער הייבט אָן זיך צו באַציען אויף אַזאַ מעשה און אַזאַ מעשה, יאָ ריכטיג נישט ריכטיג, די אַלע זאַכן זענען נאַרישקייטן, ס'האָט נישט קיין שום זין זיך צו גיין באַציען אויף מינדערוויכטיגע פרטים, מ'קען פשוט אָפּווענדן זיינע ווערטער פון זיינע אייגענע ווערטער וואָס ער שרייבט דאָרט, ער באַציהט זיך און אינמיטן דעם אַרטיקל שרייבט ער אַז "ווילדע קנאים האָבן באַפאַלן אַ מיידל פון אַ שולע, און אזוי ווי די חרדי'שע וועלט האָט נישט מוחה געווען קעגן די ווילדע קנאים, האָט די אַלגעמיינע פרעסע - ווי ער רופט דאָס אָן - סיי אין ישראל און סיי אין די וועלט אָנגעהויבן אַ היציגע אַקציע קעגן אַלע חרדים", ממילא גייט ער שטיצן די היציגע אַקציע, און ער איז פאַרנומען און ער איז מוחה.

**איז** אַזוי, קיינער גייט נישט יעצט אַריין אין די לכתחלה'דיגע זאַך, וויאַזוי מ'דאַרף צו האַנדלען, און ס'קען זיך אייביג מאַכן אַז אפשר פּאַסירט אַ טעות, איך בין נישט באַקאַנט אין די מציאות'ן, יאָ אַ טעות נישט קיין טעות, דאָס איז נישט קיין נפק"מ, דער כלל איז, ס'איז דאָ אַ באַקאַנטע מעשה וואָס מען פאַרציילט אויפן רבי'ן ז"ל, אַז פאַר ער איז אוועקגעפאָרן פון קראָלי און געפאָרן קיין סאַטמאַר, ס'איז ידוע אַז ער האָט זיך זייער אַסאַך גע'ישוב'ט צו ער זאָל אָננעמען דאָס רבנות אין סאַטמאַר אָדער נישט, אַפאָר יאָר האָט זיך געצויגען די ספיקות צו ער זאל יאָ גיין קיין סאַטמאַר אָדער נישט, שפּעטער האָט ער באַשלאָסן אַז ער נעמט יאָ אָן דאָס רבנות, ס'איז געווען אַסאַך וואָס האָבן לוחם געווען קעגן דאָס רבנות, ובתוכם איז געווען די כופרים און די עוקרי הדת וואָס זיי האָבן שטאַרק נישט געוואָלט אַז דער רבי זאָל איבערנעמען אין סאַטמאַר.

**האָט** דער רבי דעמאָלטס געזאָגט אינמיטן די דרשה, אַז חכמינו ז"ל זאָגן "הלכה היא בידוע שעשו שונא ליעקב", האָט ער זיך געשטעלט וואָס איז דאָס לשון 'הלכה', ווי קומט אַהער הלכה, ס'איז נישט קיין דבר הלכה, ס'איז אַ מציאות אַז עשו שונא ליעקב. האָט דער רבי געזאָגט אַז אַמאָל מאַכט זיך אַז אַ מענטש האָט אַ שאלה אין הלכה, ער ווייסט נישט וויאַזוי ער דאַרף זיך צו פירן, ער האָט ספיקות לכאן ולכאן, "הלכה היא" דו ווילסט וויסן וואָס די הלכה איז, נעם אַ כלל אין האַנט, "בידוע" איין זאַך זאָלסטו וויסן, "שעשו שונא ליעקב" עשו האָט פיינט יעקב, דו געב אַ קוק וואָס עשו זאָגט, אַז דו וועסט זעהן וואָס עשו זאָגט וועסטו וויסן אַז דו דאַרפסט טוהן די פאַרקערטע. ממילא שרייבט ער טאַקע זייער טרעפליך "די חרד'ישע וועלט איז נישט מוחה קעגן די קנאים, און די ציוני'סטישע פרעסע איז יאָ מוחה", ממילא איז דאָס געענדיגט, מ'דאַרף נישט אַריינגיין אין קיין שום נידון נישט, ווייל **זעלבסט פאַרשטענדליך אַז אונז אידענטיפיצירן זיך מיט די חרדים און נישט מיט קיין פרייע און נישט מיט קיין אפיקורסים, און אונז האָבן נישט קיין שום שיעבוד זיי צו פאַרענטפערן.**

**פאַרשטייט** זיך אַז ווען מ'איז לוחם מלחמת ה' אַוודאי רייצט עס אויף די פוקרים און ס'רייצט אויף די ציונים, און עס קען אַפילו אויפרייצן אַ גוי אפשר וואָס פאַרשטייט נישט די מציאות, נו **פאַר דעם איז דאָך דאָ גוי'אישע צייטונגען און אפיקורס'ישע צייטונגען זאָלן**

**זיי שרייבן וואָס זיי ווילן, אָבער אַ שומר תורה ומצות זאָל זיך אָפּגעבן מיט אַזעלכע זאַכן האָט נישט קיין שום זין, בפרט ווען עס האַנדלט זיך פון אידן וואָס זענען זיך מוסר נפש פאר קדושת ירושלים, קדושת ארץ ישראל, צניעות, און אַזוי ווייטער, און מ'ברענט מיט אַן אש קודש, נו וואָס איז שייך צו מאכן די מחאות.**

**דער** אור החיים הק' זאָגט די וואָך אַ לשון, ער רעדט אַרום וועגן 'שמעון ולוי אחים', איז ער מאריך און ער זאָגט אינמיטן אַ לשון, ער טענה'ט אַז ביי שמעון ולוי איז עס געקומען פון זייער גרויסער אש קודש וואָס האָט געברענט אין זיי, דאָס האָט עס צוגעברענגט, און יעקב אבינו האָט זיי מוסר געזאָגט אויף די מעשה וואָס זיי האָבן געטוהן, זאָגט דער אוה"ח הק' אַ לשון 'כי מי שגובר בו יסוד האש' איינער וואָס האָט אין זיך דעם יסוד האש, 'עם היות שיתעצם בכל עוצם הזריזות בעבודת ה'' ער שטרענגט זיך אָן די מאַקסימום וואָס ער קען אין עבודת ה', 'לא ימלט מהשגיון' ס'איז נישט מעגליך אַז ער זאָל נישט אַמאָל אדורכפאַלן מיט אַ טעות. ממילא זיך צו גיין ארויפכאַפּן אויף אַ מענטש טאָמער ער מאַכט אַמאָל אַ טעות, צו ס'איז יאָ אַ טעות, קען זיין ס'איז בכלל נישט קיין טעות, אָבער ס'איז קלאר אַן אום אויסגעהאַלטענע וועג.

**ס'איז** באַקאַנט דער חתם סופר זאָגט אין אַ הספד אויף רבי וואָלף באָסקאָוויץ ז"ל וואָס איז געווען אַ זוהן פונעם מחצית השקל, איינער פון די גדולי הדור, און אַ גרויסער לוחם מלחמת ה', און ער איז געווען זייער אַ שאַרפער איד אַ ריתחא דאורייתא, שרייבט דער חתם סופר אַז ער האָט אַליין געהערט פונעם מחצית השקל מפה קדשו, וואָס ער האָט געזאָגט ביי די הכתרה פון זיין זון רבי וואָלף באָסקאָוויץ, האָט ער אויסגעטייטשט דעם פסוק (קהלת י') "אי לך ארץ שמלכך נער ושריך בבוקר יאכלו", האָט ער געזאָגט אַזוי, מ'נעמט אַמאָל אויף אַ רב און דער רב איז אַ יונגער מענטש, ער האָט נאָך אין זיך אַביסל היציגקייט, קען אַמאָל זיין אַ רב מאַכט אַמאָל אַ טעות ער פאַלט אַמאָל דורך, ס'איז גאָרנישט געשעהן, טאָמער האָט ער אַן ערנסטע שטאָב אַרום זיך וואָס זיי פאַרשטיין אַז מען ווישט עס אָפּ און מ'גייט ווייטער, ווייל פאַר די הצלחה פון די שטאָט דאַרף עס אָנגיין, גייט עס נאָך מיט, טאָמער אָבער כאַפּט מען זיך אַרויף אויף יעדן טעות מאַכט עס חרוב די גאַנצע זאַך. טייטשט ער 'אי לך ארץ' ווי איז פאַר דעם לאַנד, 'שמלכך נער' וואָס מ'האָט אויפגענומען אַ יונגן מלך, 'ושריך בבוקר יאכלו' און די שרים ווען ס'איז נאָך בבוקר אינדערפרי ער איז נאָך גאַנץ יונג שוין עסט מען אים אויף ווייל ער האָט געמאַכט אַ טעות. עכ"פ דער זעלבער יסוד גייט אָן נישט נאָר אויף רבנות ס'גייט אָן אויף יעדע זאַך, אַ איד טוט אַ זאַך מיט אַן ערליכקייט מיט אַן ערנסטקייט איז נישט שייך לוחם צו זיין, **בפרט אַז מען מאַכט זיך דעם חשבון אַז פון איין זייט שטיין די פרומע און פון איין זייט שטייען שונאי הדת, און מ'גייט און מ'שטעלט זיך אַרויס פאַר די שונאי הדת, ס'איז אַ חוכא וטלולא.** נאָר פונקט פאַרקערט אונז דאַרפן זיי מחזק זיין, און מ'דאַרף זיך פון זיי לערנען מאויבי תחכמני.

**ס'איז** דאָ געוואָרן אין אַנטווערפּען די לעצטע פּאָר יאָר, צו אפשר גייט עס שוין אָן יאָרן, וואָס יעדע מאָנטאָג און דאָנערשטאָג כמעט איז דאָ אַ נייע זאַך אַז מ'דאַרף גיין אַרויסווייזן סאָלידאַריטעט פאַר מדינת ישראל, אַמאָל איז עס פאַר די צה"ל און אַמאָל איז עס פאַר דעם און פאַר יענס פאַר יעדע צווייטע זאַך, לאָמיר גיין לשיטתם, לשיטת די אַלע ציונים די אַלע כופרים, זיי גלייבן נישט אין קיין תורה זיי גלייבן נישט אין קיין אויבערשטן, גאָרנישט איז זיי נישט מחייב, אָבער מענטשליכקייט ס'איז דאָ אַ געוויסע מין אונטערנאַציאָנאַלע מענטשליכקייט, לשיטתם - אַז זיי גייען אַמאָל אין אַ מלחמה די ציונים, מ'הרג'עט נישט קיין ציווילע מענטשן אין אַ מלחמה?, כ'האָב נאָך קיינמאָל נישט געהערט אַז מ'זאָל קומען זאָגן און זיך אַרויפכאַפּן אָה מ'האָט גע'הרג'עט ערגעץ אַ ציווילע מענטש און מ'וועט גיין אויף מחאות.

**על** אחת כמה וכמה ווען עס האַנדלט זיך להבדיל בין קדושה לטומאה ובין טומאה לטהרה, איז דאָך אוודאי אַז מ'דאַרף זיי מחזק זיין און מ'דאַרף זיך אַרויסשטעלן מיט זיי, יאָ טעות נישט טעות, קנאות איז אַ הייליגע זאַך, און זייער זכות איז זייער גרויס, און דאָס שטעלט אַוועק אַ איד, אונז האָב מיר אַן אויסגעטראָטענע וועג פון די תורה, מ'זעהט דאָך טאַקע אין די תורה, פנחס האָט דאָך אוודאי געטוהן אַסאַך מעשים טובים און זיינע יונגע יאָרן, אעפ"כ זאָגן אונז חז"ל "לא נתכהן פנחס עד שהרג לזמרי", פנחס האָט נישט באַקומען קיין ברית כהונת עולם און נישט קיין בריתי שלום נאָר נאָכדעם וואָס ער האָט געטוהן אַ מעשה קנאות, וואָס מ'האָט איהם דעמאָלטס אויך מבזה געווען, ווי רש"י ברענגט 'שהיו השבטים מבזין אותו הראיתם בן פוטי זה' וגו'.

**מ'זאָל** זיך מתבונן זיין, ס'איז געווען יעצט חנוכה, חנוכה ווייסט מען איז געווען אַ פרשה מיט יוונים און מתיוונים, לאָמיר עס פרובירן צוצושטעלן צום היינטיגן מציאות, יוונים איז די פשט גריכישע גוים, די יוונים איז טייטש אַ גוי וואָס האָט זיין קולטור און זיין חכמה וואָס ער וויל מפיץ זיין, מתיוונים איז אידישע מענטשן וואָס ווילן אַריינברענגען די גוי'אישע חכמה צווישן אידן, דער רבי ז"ל אין דברי יואל זאָגט אַז ער האָט מברר געווען אַז די מתיוונים דאָס איז געווען די כת הצדוקים, וואָס איז דאָס צדוקים, צדוקים האָבן נישט געגלייבט אין קיין תורה שבעל פה. בימינו אלה שפילט זיך אָפּ די זעלבע זאך פי כמה עשרת מונים, מ'רעדט נישט פון קיין מתיוונים פון קיין תורה שבעל פה כופרים, מ'רעדט פון מענטשן וואָס גלייבן נישט אין קיין אנכי ה' אלקיך, אין גאָרנישט, און ס'איז דאָ יוונים - גוים, און ס'איז דאָ אידן ליידער מזרע ישראל וואָס זאָגן 'ככל הגוים בית ישראל', נו וואו זענען געגאַנגען די חשמונאים, די

חשמונאים האָבן אנגעפיהרט גרויסע מלחמות, זיי האָבן געה׳רג׳עט אויף רעכטס און לינקס פון די פריצי ישראל פון די מתיוונים, היינטיגע צייטן קען מען עס נישט טוהן, אונז האָבן נישט קיין חשמונאים און קיין סנהדרין און נישט קיין בית המקדש און גאָרנישט, אָבער ס׳איז קלאָר אַז ווען זיי לעבן היינט איז נישט קיין ספק ווי זיי וואָלטן לוחם געווען קעגן די מתיוונים וואָס זענען אַסאַך אַסאַך ערגער, און **ס׳קען זיין אַז די זעלבע מענטשן וואָס פאַרשטייען היינט די מתיוונים, ווען זיי לעבן דעמאָלטס וואָלטן זיי אויך פאַרשטאַנען די מתיוונים, מ׳טאָר נישט איבערטרייבן... מ׳טאָר נישט הרג׳ענען, מ׳טאָר נישט מאַכן קיין מלחמות. ס׳איז אָבער נישט אַזוי, אונז האָבן אַ תורה׳דיגן וועג.**

**דער** רבי ז״ל אין ויואל משה ברענגט ער צו אַ בריוו פונעם אַלטן גערער רבין ז״ל וואָס ער איז שוין געווען פון די ראשי האגודה, אַז **וואס ער שרייבט** (אוסף מכתבים מכתב ל׳) **אַז מ׳טאָר זיך נישט מחבר זיין מיט קיין שום מפלגת החפשים מיט קיין פּאַרטיי פון פרייע, ער שרייבט ווייל דער עצם התחברות צו פרייע איז מזיק.** (וז״ל המכתב: ״**לדעתי התחברות עם מפלגה שבתוכה חפשיים היא סכנה, הגם שאין מרגישין עתה עתיד להתרגש,** וגו׳, עיקר הקושיא על התחברותו לחפשים, **אפילו מתנה שלהם תוכל להזיק**״).

**ווער** ווייסט ס׳קען זיין אַז די אַלע נאַרישקייטן איז אַ תוצאה פון דעם וואָס מ׳איז זיך מתחבר צו זיי, צו אַ תוצאה פון אַריינגיין אין אַ כנסת המינים וואָס יעדע אידיש קינד דאַרף ציטערן פון אַזאַ זאַך. ס׳איז זייער אַ וויכטיגע זאַך מ׳דאַרף מסדר זיין שחיטה אין אייראָפּע, זייער חשוב, ס׳איז דאָ נאָך אַסאַך חשוב׳ע זאכן, נאָר ס׳איז אוודאי דאָ אידן וואָס קענען היסטאָריע, און איך וואָלט געוואָלט וויסן צו ס׳איז דאָ איינער וואָס ווייסט אין היסטאָריע ווען מ׳האָט אַמאָל געאַרבייט עפּעס אויף עסקנות און מ׳איז אַריינגעגאַנגען אין אַ תיפלה מאַכן זיצונגען פאַר עסקנות, וואָס אַ שייכות האָט שחיטה מיט׳ן אַריינגיין אין אַ מקום מינים. נו, אוודאי אַז מ׳גייט אַריין, איז אַזוי ווי דער גערער רבי זאָגט ׳התחברות לחפשיים איז מזיק׳, קומט מען אָן צו אַזעלכע זאַכן.

**בפרט** איז אַ געלעכטער, אַז מ׳גייט קעמפן פאַר שחיטה אַז ס׳זאָל זיין אָרטאָדאָקסישע שחיטה, גייט מען אַריין צו מענטשן וואָס זענען אוכלי נבילות וטריפות אין יום כיפור, און זיי זאָלן אַרויסהעלפן אַז ס׳זאָל זיין שחיטה... דאָס איז איין פרט וואָס דרוקט איהם זייער שטארק אין זיין אַרטיקל.

*

**דעם** צווייטן פרט באַציהט ער זיך אַז מ׳האָט געמאַכט אַ מחאה אין אר״י, און מ׳האָט אָנגעטוהן פאַרן עולם געלע שטערנס, און ממילא שרייבט ער דאָרטן ״אַז די געלע שטערנס - וואָס שטייט נאָך אויפגעשריבן אויף דעם אין דייטש דאָס וואָרט איד - רופט אַרויס שרעקליכע זכרונות ביים גאַנצן אידישן פאָלק, פאַרשטייט זיך אַז דער שענדליכע מאַניפעסטאַציע האָט אַרויסגערופן אַ ציטערניש און אַ שוידער ביים גאַנצן כלל ישראל״, כ׳וועל נישט איבערזאָגן אַלע זיינע לשונות, ״און אויך דאָ אין בעלגיע האָט עס געמאַכט אַ גרויסן חילול ה׳ און איבערגעלאָזט אַ שרעקליכן רושם, דאָס גאַנצע חרדישע אידנטום צוזאַמען מיט אַלע אידן פון די וועלט פּראָטעסטירן העפטיג קעגן די געצייילטע יונגאַטשעס, וועלכע נוצן אויס דעם לייד און זכרון פון אונזערע קדושים פאַר זייערע אייגענע פּאָליטישע צוועקן״ אַזוי שרייבט ער דאָרטן, און כ׳האָב נאָך אַסאַך אַרויסגעשניטן...

**אוודאי, ער איז זייער גערעכט אַז ס׳וועקט אויף שרעקעדיגע זכרונות ביים אידישן פאָלק, אוודאי איז ער גערעכט, ס׳וועקט אויף שרעקעדיגע זכרונות פון דעם חלק וואָס די ציונים האָבן געהאַט אין די מלחמה, וויפיל זיי האָבן געזאָרגט אַז אידן זאָלן גיין מיט די געלע שטערנס אַ לאַנגע צייט ביז מ׳האָט זיי אַלע אָפּגעפירט כצאן לטבח יובל, דאָס איז נאָר אַדאַנק זיי, וואָס מ׳קען רעדן און רעדן פון דעם אָן אויפהער.**

**איך** וועל נאָר פאַרציילן איין קליינע מעשה, ס׳איז יעצט מוצאי שבת, ווייל איך פאַרציילן אַ מעשה וואָס דער פשעוואָרסק׳ער רבי זאָל זיין געזונט האָט פאַרציילט אפאר וואכן צוריק. האט ער פארציילט א מעשה פון זיין זיידן הרה״ק רבי איציקל זי״ע, ס׳איז געווען איין יאר נאך הקמת המדינה אין תש״ט, רבי איציקל האָט געוואוינט דעמאָלטס אין פראַנקרייך, און די ציונים זענען דעמאָלטס אַרומגעגאַנגען אין פראַנקרייך זאַמלען געלט פאַר די קרן קיימת פושקעס, ווייל פאַריאָר האָט מען געהאַט אַ מלחמה און ס׳האָט געקאָסט געווער, ס׳האָט געקאָסט הוצאות און מ׳דאַרף עס באַצאָלן, זיי האָבן קיינעם נישט אויסגעלאָזט ובתוכם זענען זיי אָנגעקומען צו רבי איציקל אויך, און זיי האָבן אָנגעפאַנגען צו







טייל פון די אריבער דריי הונדערט אידן בליעה״ר מתושבי עירנו וועלכע האבן זיך באטייליגט ביי די ״מאסן פראטעסט״ אלול תש״ע אין בריסל אקעגן די רדיפת הדת בארה״ק

דרש'ענען און גערעדט אַז זיי דאַרפן געלט פאַר קרן קיימת, און ער האָט זיך געמאַכט אַזוי בטל'ניש ווי ער הערט נישט און ער האַלט נישט מיט, און זיי רעדן ווייטער און אינמיטן זענען זיי מסביר אַז מ'רעדט דאָ פון הצלת נפשות, - זאָגט ער - אַזוי ווי דער זיידע האָט געהערט דאָס וואָרט 'הצלת נפשות', האָט ער אָנגעהויבן צו שרייען "הצלת נפשות? זעקס מיליאָן אידן האָט עטס אויסגעהרגעט!". האָט פשעוואָרסק'ער רבי שליט"א באַטאָנט די חידוש פון די מעשה אַז דער זיידע האָט ניטאַמאָל געקענט רבי מיכאל בער [ווייסמאַנדל ז"ל], אַז מ'טראַכט אריין איז די מעשה אַ חידוש פלא, תש"ט איז כמעט נישט געווען קיין איין איד אין די וועלט וואָס האָט געוואוסט וואָס די ציונים האָבן אַלס אָנגעדרייט אין די מלחמה, ס'איז געווען איין רבי מיכאל בער און דער רבי ז"ל. און רבי איציקל ברוב קדושתו איז געזעצן אין פראַנקרייך און ער האָט עס מרגיש געווען ווי אַ צדיק אמת, וואָספאַראַ חלק זיי האָבן אין די מלחמה. וכהנה וכהנה, ס'איז נישט קיין מקום מאריך צו זיין, מ'קען רעדן פון דעם שעות ע"ג שעות.

**מ'זאָל** זיך גוט מתבונן זיין, ר' מיכאל בער האָט אינמיטן די מלחמה אַרומגעשריבן בריווען אַז מ'זאָל אים קומען צו הילף, איז געווען איינער וואָס האָט געוואוינט אין גענף, כ'ווייס נישט אויב מ'מעג אין אַ מקום קדוש דערמאַנען זיין נאָמען, ער האָט געהייסן נתן שוואַלב שר"י איינער פון די גרויסע ציוני'סטישע פירערס, און ר' מיכאל בער האָט זיך געוואָנדן צו אים ער זאָל שיקן געלט, מ'דאַרף ראַטעווען די אונגאַרישע אידן, מ'האָט גערעדט פון אַ מיליאָן אידן, דרוקט ער אָפּ ר' מיכאל בער וואָס דער שייגעץ האָט אים צוריקגעענטפערט, שרייבט ער דאָרטן "דו מוזט פאַרשטיין, אַז יעדע פאָלק צאָלט קרבנות ביי אַ מלחמה ווען זיי ווילן עפּעס פאַרדינען, טאָמער ווילן אונז האָבן אַ מדינה נאָך די מלחמה, קען מען נישט זיצן און נישט לאָזן פאַרגיסן קיין קרבנות, **מ'דאַרף זעהן צו הרג'ענען אידן ביי די מלחמה ווייל רק בדם תהי' לנו הארץ!**", עפ"ל. דאָס האָט קיינער פון די קנאים נישט געשריבן, דער בריוו איז געקומען פון די ציוניסטן.

**און** ווען דער צר הצורר פון די דייטשן ימ"ש דער אייכמאַן שרייבט זיינע זכרונות, שרייבט ער דאָרטן, אַז בעצם איז דאָך ידוע אַז דער דייטש זיין פלאַן לכתחלה איז נישט געווען צו הרגענען די אידן, זיין פלאַן איז געווען אַלע אַוועקצושיקן צו אַנדערע מקומות און זיי פאַרטרייבן פון אייראָפּע, שפּעטער האט מען מחליט געווען אַז מ'טוישט די סיסטעם און מ'גייט אויסהרגענען אַלע אידן, שרייבט ער אין זיינע זכרונות אַז פאַרוואָס האָט ער זיך געטוישט, זאָגט ער ווייל דער הויפּט פון די וועלטס ציוניזם ווייצמאן ימ"ש האָט ערקלערט קריג קעגן דייטשלאנד און געמאַכט אַ בויקאָט, זאָגט ער אַז 'אונז האָבן פאַרשטאַנען אַז ס'וועט נישט דויערן צו לאַנג ביז ס'וועט קומען אַן אַנטוואָרט פונעם פירער'. דאָס איז אויך נישט געקומען פון קיין קנאים דאָס איז געקומען טאַקע פון די ציוניסן וואָס מ'דאַרף אַגאַנצן טאָג סאָלידאַריטירן מיט זיי, זיי זענען געווען די וואָס האָבן אָנגעדרייט די מלחמה.

**און** ביי זיי אַליין ווען זיי האָבן געמאכט אַ משפט אין מדינת ישראל מיט יאָרן צוריק, ווען זיי האָבן געמשפּט דעם באַקאַנטן קאַסטנער, איז דאָך באַקאַנט דער סלאָגאַן וואָס זייער שופט האָט דעמאָלטס געזאָגט 'אַז ער האָט פאַרקויפט זיין נשמה פאַרן שטן', ער האָט דאָס נישט געזאָגט אויף קיין קנאי, ער האָט עס געזאָגט אויף די ציוניסטן. **אוודאי רעגט זיי אויף אַז מ'גייט מיט געלע שטערנס, ווייל ס'וועקט זיי אויף די נקודה פנימית דער חלק וואָס זיי האָבן געמאַכט אין די מלחמה**, און מ'מאַכט זיך נאָכדעם תמימות'דיג, ניין מ'וויל נישט וויסן, אוודאי ס'איז געווען אַ האָלאָקאוסט און מ'שטעלט אַ יד ושם מיט די אַלע נאַרישקייטן, גארנישט, **שולדיג זענען זיי!** און אוודאי רעגט עס זיי אויף.

**און** די חוצפּה וואס זיי שרייבן דאָרט "אַז די קנאים מאַכן דאָס צוליב זייערע פּאָליטישע צוועקן", **וואָס האָט דאָס מיט פּאָליטיק?! צניעות איז פּאָליטיק? קדושה איז פּאָליטיק? עס האָט גאָרנישט מיט קיין פּאָליטיק צו טוהן**, עכ"פ מ'דאַרף זיך נישט מטפל זיין מיט יעדע נאַרישקייט.

**נאר** דאָס וואָס ער שרייבט "אַז די גאַנצע חרדישע אידנטום אין בעלגיע און אין די גאַנצע וועלט אַלעס איז מוחה קעגן די קנאים", **דארף מען מגלה דעת זיין, ס'איז נישט אמת! ס'איז נישט קיין חרדים!** מ'האָט עס שוין געוויזן מיט אַפּאָר יאָר צוריק, די אַלע אידן וואָס האָבן געהאַט אַ חלק אין דעם, וואָס האָבן זיך משתתף געווען ביי די גרויסע הפגנה **ווען מ'האָט געוויזן על אפם ועל חמתם אַז ס'איז אַרויסגעקומען אַפּאָר הונדערט אידן אויף די בעלגישע גאַסן צו ווייזן אַז אונז האָבן נישט קיין חלק מיט דעם**, ממילא טאָמער וויל ער מוחה זיין, קען ער מוחה זיין אין נאָמען פון די אַלע גרופּעס זייערע, צו ס'איז הסתדרות מיט בני ברית מיט בני עקיבא מיט כל לשונות של גנאי וואָס זיי האָבן, אין זייער נאמען קען ער רעדן, אָבער אין נאָמען פון חרדישע אידן האָט עס נישט קיין פּשט צו רעדן.

**און** דער עצם יסוד איז אַזוי ווי דער רבי זאָגט "צדקה עשה הקב"ה לישראל שפיזרם לבין האומות", דאָס איז דער יסוד וואָס איז מפריך די גאַנצע קליפּת הציונות, די גאַנצע זאַך, ס'איז נישט אונזער לאַנד און מ'דאַרף נישט גיין יעדן מאָנטאָג און דאָנערשטאָג זיך אָננעמען פאַר זיי, זיי זענען נישט אונז, אונז האָבן נישט מיט קיין מדינה, און אונז האָבן נישט מיט קיין ציונות.

**אין** פּסוק שטייט איין זאַך "למען תדע כי לה' הארץ" וויסן דאַרף מען אַז דער באַשעפער פירט די גאַנצע וועלט, און ווי רש"י זאָגט "וברצונו נטלה ממנו וברצונו נתנה לנו", ווען דער אייבערשטער וועט ווען וועט אונזער דער אייבערשטער צוריקגעבן דאָס לאַנד.